STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04110

UNTER'N NAYEM HIMEL

S. Shor

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אונטער'ן נייעם הימעל

ערצעהלונגען
פון אמעריקאנער
אידישען לעבען

פון ס. שאָר

מאקס נ. מייזעל,
אידישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט
ניו-יאָרק.
1915.

Copyright, 1915
MAX N. MAISEL
New York

אינהאלט־פערצייכניס:

1. ווילד פלייש
(פאמיליען ערצעהלונגען).

	זייטע
ווילד פלייש	7
שיידונג	26
שפעט ביינאכט	42
דער פריינד	49
נאך'ן טהעאטער	56

2. צווישען פייער און פלאם
(בילדער פון ארבייטער־לעבען)

צווישען פייער און פלאם	67
די פערשאלטענע שטוב	75
„וואירקינג פייפערס"	89

3. די זון און דער רויך
(פערשיעדענע ערצעהלונגען).

די זון און דער רויך	101
די גוטע מיידעל	105
די אלטע	118
א קאפריז	126
די ניט געווינשטע בלום	135
א דועט	142

װילדפֿלײש

אונ אנדערע פאמיליען־ערצעהלונגען.

ווילדפליש

דער טעלעפאָן אין עס־צימער האָט גענומען קלינגען.

קליינמאן האָט זיך אויפגעהויבען אויפ'ן געלעגער, זיך אָנגע־לעהנט אויף די עלענבויגען און זיך איינגעהערט מיט א בעהאלטע־נעם אטהעם.

בעקאנטע פעסטע טריט האָבען זיך גענומען איילען צום טע־לעפאָן. קליינמאן'ס הארץ האָט אונרוהיג א ציטער געטהאָן.

— העללאָו... הא? וואָס, דאָס זייט איהר?! איהר, בלאק? — האָט ער געהערט לינא'ס ווייך קול — וואָס? היינט נאָכמי־טאג? געוויס וועל איך ווארטען אויף אייך... קומט. מיך וועט זעהר פרעהען אייך צו זעהן... וואָס מאכט איהר אזוי עפּעס? הא? איהר ביינקט נאָך מיר?.. — זי האָט זיך רייצענד צולאכט — איהר מאכט מיר שוין קאָמפּלימענטען?.. נו, גוט. איך'ל ווארטען... גוד־ביי...

עס איז געוואָרען שטיל. קליינמאן איז צוריקגעפאלען אויפ'ן קישען. א טיפער נאָגענדיגער וועהטאָג האָט איהם ארומגעכאפּט. עס קען גאָר קיין צווייפעל ניט זיין, אז זי האָט שוין פערפיהרט מיט בלאק'ן א ליעבע... דער ט אָ ן פון איהר רעדען אויפ'ן טעלע־פאָן האָט איהם איבערצייגט דאָס זיין פערדאכט איז געווען בע־גרינדעט. די ענדערונג און איהר האלטונג צו איהם האָט ער דער־שפירט גלייך, ווי זי האָט דעם ערשטען מאָל געבראכט בלאק'ן אין

הויז אריין. פון יענעם טאָג אָן איז זי צו איהם געוואָרען גלייכגיל־טיג, האָט איהם אָהן אורזאכען געזידעלט און זיך לוסטיג געמאכט איבער איהם.

דאָס וואָס זי האָט אויף היינט נאָכמיטאג איינגעלאָדען בלאָק'ן האָט איהם בעזונדערס געקרענקט. נאָך אין מיטען וואָך האָט זי איינגעוויליגט היינט בייטאָג צו געהן מיט איהם אין טהעאטער. גאָר נישט, זי רעכענט זיך מיט איהם ניט...

מען האָט אָנגעקלאַפּט אין טיהר.

— ווער איז דאָרט? — האָט קליינמאַן צורייצט געפרעגט.

— לינאָ.

קליינמאַן'ס הארץ האָט פּלוצלונג האסטיג אָנגעפאנגען צו שלאָגען. אין קאָפּ האָט זיך דורכגעטראָגען א געדאנק, אז באלד וועט פאָרקומען עפּעס וויכטיגעס און ענטשיעדענעס און ער האָט מיט א געמאכטער קאלטקייט געזאָגט:

— קום אריין...

לינאָ האָט געלאָזט אָפען הינטער זיך די טהיר און זיך אַוועק־געזעצט אויף א שטוהל לעבען וואַנד. זי איז געווען איינגעוויקעלט אין א לייזען מאָרגען־קלייד מיט קורצע ארבעל וואָס האָבען ענט־בלייזט איהרע פולע טונקעלע זאפטיגע ארעמס און אין איהרע סאַ־מעטענע אויסגעגנייטע שטעק־שיך.

— מאָררים, וואָס ליגסטו אזוי שפּעט אין בעט? — האָט זי זיך געווענדעט צו קליינמאַן'ען מיט א טרוקענעם שמייכעל אויף די ליפּען.

קליינמאַן האָט געשוויגען. ער האָט דורשטיג בעטראַכט איהר רונדען ציגיינערישען פּנים מיט די פינקלענדע אויגען און אויפגעררי־סענע ליידענשאפטליכע ליפּען, איהר געזונטען מאָססיווען קערפּער און געטראכט דאָס פיער יאָהר איז זי געווען זיין געליבטע, איהם גע־הערט. און כסדר בעת זי פלעגט אריינקומען צו איהם אין צימער,

האָט זי ניט פערגעסען צו פערשליסען די טהיר און איז געזעסען ניט ווי א פרעמדע אויף א שטוהל לעבען וואַנד, נור ביי איהם אויפ׳ן בעט... זי האָט געהאַט א טבע זיך איינצועסען מיט איהרע ליפען אין זיינע, צומאַכען, א בלייבע, די אויגען און אזוי צודריקען זיין מויל, דאַס ער פלעגט שיער דערשטיקט ווערען.

לינא האָט איהם אריינגעקוקט גלייך אין די אויגען, האָט פער־שטאַנען אַז ער ליידעט און איהר האָט עס ניט געקימערט. זי איז א פרייער מענש, איז צו קיינעם ניט צוגעבונדען. צו איהם טראָגט זי אודאי קיין פעראַנטוואָרטליכקייט ניט, זי האָט איהם ליעב גע־האַט, האָט זי זיך איהם איבערגעגעבען... איצט ליעבט זי אַן אנדערען. זי האָט צנוע׳דיג צוגעדעקט מיט די הענד איהרע אַרעמס און פויל א געניץ געטהאָן. — שטעה אויף. שוין באַלד 10 א זייגער, — האָט זי געזאָגט, און זיך אויפגעהויבען, ווי אוועקצוגעהן.

קליינמאַן האָט זיך אָנגעשטריינגט צו געבען זיינע בליקען א קאַלטען פעראַכטענדען אויסדרוק, נור געגען זיין ווילען, האָט ער געקוקט אזוי רחמנות׳דיג און הילפלאָז, ווי א קינד בעט זיך מען זאָל עס ניט שלאָגען, אויב ניט וועט זיך עס צוואָוויינען...

איהם האָט פערדראָסען וואָס זיין פּלאַן איז אזוי מיאוס דורכ־געפאַלען. ער איז נעכטען ביי נאַכט אַזוי שפּעט אַהיים געקומען, האָפענדיג צו ערוועקען איהר אויפערזוכט, ווי ער האָט עס אָפּט מיט ערפאָלג געטהאָן. אָבער ער האָט קלאָהר געלעזען פון איהר האַלטונג, אַז היינט אַרט עס איהר ניט מעהר.

— איך וועל באַלד אויפשטעהן — האָט ער אומעדיג געזאָגט.

לינא האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טהיר און קוקענדיג אַן א זייט געזאָגט: —

— מיר וועלען היינט ניט געהן אין טהעאַטער, עס דאַרף קו־מען צו מיר א בעקאַנטער און איך וויל וואַרטען אויף איהם.

— בלאַק דאַרף קומען! — האָט קליינמאַן אַרויסגעשיפּעט מיט גאַל.

— נו, איז וואס? — האט זי ארויסרופענד אויסגעשריען. — יע, בלאק! דו וועסט מיר אפשר פערוועהרען זיך צו זעהן מיט איהם?

— מעגסט זיך שעהמען! — האט קליינמאן ווילד גענומען טרייסלען מיט די פויסטען. — האסט מיך אריינגעצויגען אין דיין נעץ, מיך אויסגענוצט און אצינד זוכסטו א פרישען קרבן!

לינא האט זיך שפאטיש צולאכט.

— דאס איז שעהן! כא־כא־כא... מיין אייגענער מאן האט צו מיר קיין טענות ניט און ער מאכט מיר פארווירפע...

און זי איז ארויסגעגאנגען פון צימער, א זעץ טהוענדיג מיט דער טיהר.

קליינמאן איז געשטאנען ביים פענסטער און געקוקט אויף א פארטרעט, וואס ער האט געהאלטען אין דער רעכטער האנד. א יונג סימפאטיש מיידעל מיט חן־גריבעלעך און געקרויזטע האר האט צו איהם געשמייכעלט זיס און פערטרויאונגספול.

דאס איז געווען זיין אמאליגע כלה... ער האט זיך פלוצלינג דערמאנט אן איהר נאכדעם ווי לינא האט איהם אזוי קאלט אויס־געלאכט. אין די זכרונות וועגען זיין געוועזענער כלה האט ער זיך געוואלט ראטעווען פון זיין פערצווייפלונג... זיין כלה, האט ער גע־וואוסט, האט שוין חתונה געהאט און איז א מאמע פון א שעהן מיידעלע מיט חן־גריבעלעך און געקרויזטע האר. מיט פיער יאהר צו־ריק, אז ער האט איהר בעטראגען און זיך אריינגעקליבען צו לינא'ן אין הויז, האט זי יאמערליך געוויינט, איז געפאלען פאר איהם אויף די קניע, געקושט די הענד זיינע און געבעטען איהם ער זאל זי ניט איבערלאזען. ערשט ווען זי האט זיך איבערצייגט, אז דאס אלעס איז נוצלאז, האט זי געהייראטה מיט א רייכען אלמן וואס איז גע־

ווען פערליעבט אין איהר. און איהם, מאררים קליינמאַן, האָט זי געשיקט אַן איינלאַדונג צו זיך אויף דער חתונה. — נאַ, זעה דאָס איך האָב זיך פון דיר אויף איביג אָבגעטרייסעלט!

און דאָך האָט זיך איהם גליהענד געגלוסט גלויבען, אַז זי איז איהם אַלץ טריי און וואַרט, אַ פערשמאַכטע, אַן אונטערטהעניגע, ער זאָל זיך צו איהר צוריקקעהרען. ער וועט איהר אָננעהמען פאַר די קליינינקע ווייכע הענטלעך, אוועקזעצען צו זיך אויפ'ן שויס און זאָגען: — „רחל, איך האָב חרטה, איך האָב חרטה... דאָס איז געווען אַ בייזער וואָהנזיניגער חלום! זי האָט מיך בע'כישופ'ט, פערבלענדעט, האָט ווי אַ וואַמפּיר זיך איינגעגראָבען אין מיר און מיך אָבגעשוואַכט פיזיש און פערוויסט מיין נשמה... איך בין אַ קליין, שוואַך מענשעלע, געדיינקסט, מיט פיער יאָהר צוריק בין איך געווען פעסט געבויט, פול האָפנונג און אונטערנעהמונגס גייסט? איך בין געווען אַ דאַמען־שניידער, אָבער געשטרעבט האָב איך צו עפּעס גרויסעס, ערהאַבענעס. איך האָב רק געלעזען און שטודירט. זייט זי האָט מיך אוועקגערויבט פון דיר האָב איך אויפגעגעבען אַלץ מיט אַנאַנדער... איהר אונערזעטליכע תאוה האָט מיך אַלט און מוטהלאָז געמאַכט... און אַצינד האָט זי מיך אוועקגעוואָרפען, וואו זאָל איך געהן? איך בין דאָך אַ ט אַ ט ע, רחל'ע... ווייסט, אַ טאַטע, אָהן אַ קינד און אָהן אַ ווייב"...

רחל'ע וועט זיצען מיט ווייט־אויפגעריסענע, צושראָקענע אויגען און מיט ציטערנדע ליפּען קושען זיין הייסען שטערען.

קליינמאַן איז צוגעגאַנגען צום שפּיגעל. אינ'ם גלאָז איז ארויסגעשוואומען אַ הויכע דאַרע געשטאַלט מיט אַ לייגליכען פּנים און מרה־שחורה'דיגע מאַטע אויגען מיט בלויע רינגען. אין קאָפּ איז איהם געווען שווער און הייס, די אוברים האָבען איהם וועה געטהאָן און די פיס האָבען זיך געבויגען.

ער האָט מיט שטומער אימה זיך אָבגעקעהרט פון שפּיגעל און

ארויסגעקוקט אויפ׳ן גאַס. דער הערבסט איז אויף קאַלטע ווינדען אַנגעלאָפען און זיך גדלות׳דיג צולייגט איבער דער וועלט... דער הימעל איז געווען גראָה־שווארץ ווי אויסגעשמירט מיט אַש. דער בוים ביים פענסטער האָט זיך עהרפורכטיג געטרייסעלט און דער ווינד האָט געריסען ד׳ בלעטער, וואָס דער אָסיען האָט מיט געלען אָבגעפארבט, און געשליידערט אויף דער ערד. ווייניג מענשען האָבען שפאצירט אויפ׳ן גאַס. עס איז געווען זונטאג און אין דיזען שטילען געגענד האָבען היינט אלע גערוהט און געמיטהליך פערבראכט.

קליינמאן האָט געפיהלט, אַז דער קאַלטער זויערער וועטער דרינגט דורך זיין נשמה און עפּעס רייסט זיך ביי איהם אינערליך און פאלט... איהם איז קאַלט געוואָרען, האט ער אָנגעטהאָן דאָס רעקעל און זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן שטוהל, וואו פריהער איז געזעסען לינא. יא, אָט דאָ איז זי געזעסען און איהם געגעבען אָפּען צו פערשטעהן, אז זי האָט מיט איהם אָבגעשניטען...

ער האָט אראָבגעבויגען דעם קאָפּ, האָט צוגעמאכט די אויגען און איהם האָט זיך געדוכט, דאָס ער הערט דייטליך די לאַסטשענדע אויפרעגענדע טענער פון מוזיק. רחל און ער קומען געארעמט אריין אין גרויסען זאַל, וואו אן עקסטרעם־ראַדיקאַלע ארבייטער צייטונג האָט פעראנשטאַלטעט א באָל. דער עולם טאַנצט. ער נעהמט זי ארום און זיי גיסען זיך צונויף מיט׳ן ים רוישענדע וויעגענדע פּאָארלעך. זיי דרעהען זיך און פּלוצלונג שטויסט ער זיך אָן מיט׳ן עלענבויגען אָן א הויכער גראַציעזער פרוי מיט אַ צוציהענדען פלאַמענדען ציגיינערישען געזיכט, אַנגעטהון אין אַ קאָסטיום פון אַ מאלאָרוסישע דאָרפס־שיקסע, און די האָר דורכגעפלאָכטען מיט רויטע סטענגעס. זיין הארץ טהוט זיך אזוי מאָדנע א צאַפּעל... און אַז דער שטראָם טראָגט זי אוועק און ער פערלירט זי, בלאָנדזשען זיינע אויגען און זוכען איהר ארום.

אַז דער וואַלץ האָט זיך געענדיגט און די פּאָארלעך האָבען זיך

צושאַטען אין פערשיעדענע ריכטונגען האָט ער דערזעהן ווי די „שיקסע" רעדט מיט זיינעם אַ בעקאַנטען. קליינמאַן האָט דעם בע־קאַנטען אָוועקגערופען אָן אַ זייט און דערביי געמאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט איהם אַ טיעפען, וויכטיגען סוד געהאַט צו פערטרויען און אויף דער „שיקסע" האָט ער זיך כמעט ניט אומגעקוקט — זאָל זי ניט מיינען, אַז עס האָט עפּעס אַ שייכות מיט איהר...

— ווער איז זי? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— מיסעס קאַטלער, לינאַ קאַטלער... — האָט דער בעקאַנ־טער פיעל־בעדייטענד אַ וואונק געטהון מיט איין אויג. — זי האַלט זיך, פערשטעהסטו מיך, פאַר אַ נייער, פרייער פרוי... קום, וועל איך דיך פאָרשטעלען. — און ער האָט זיך ציניש צולאַכט.

נאכדעם האָט זיך אַ פייער אָנגעצונדען און איהם איינגעוו־קעלט אין פלאַמען.

ער איז געזעסען צוזאַמען מיט מיסעס קאַטלאַר, האָבען ביידע געטרונקען ביער און זי האָט זיך לאַכענדיג פאַר איהם בעריהמט, דאָס זי איז אַ פרייע פרוי, וואָס גלויבט ניט אין נאַרישע מנהגים און געזעצע. זי איז זעלבסטשטענדיג און האַנדעלט לויט איהרע אי־בערצייגונגען. איהר מאָטאָ איז: „דאָס לעבען איז קורץ, אַלזאָ געניס וואָס מעהר און וואָס קליגער"... וואָס, ניט אמת? אַזוי טהוט זי טאַקי... מען האָט די פרויען איינגעוויעגט אין אַ ליעדעלע: „מען טאָר ניט"... דאָס ליעדעלע זינגט מען זיי פון וויעגעלע ביז׳ן קבר... זי האַסט דעם „מען טאָר ניט"... זי וויל זיין אַ פרייער מענש און אַלעס מעגען...

קליינמאַן האָט צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען בעגעגענט אַ פרוי, וואָס זאָל זיין אַזוי אָפענהערציג, העזה׳דיג און אונער־שראָקען. ער האָט איהר בעטראַכט מיט נאַאיווער פערעהרונג און איהר אויסגעהערט אויפמערקזאַם און מיט בעגייסטערונג.

די מוזיק האָט שוין ווידער געשפּיעלט און די פּאָדלאָגע האָט געקרעכצט אונטער די שווערע טריט פון די טאַנצענדע. אַ בערוי־שענדער גערוך פון שוויס און ליידענשאַפט האָט דורכגעזאַפּט די

לופט און ער איז אַלץ געזעסען און זיך ניט געקענט אָברייסען פון לינאַ'ן.

רחל איז אַ פּאָאר מאָל צוגעגאַנגען צו איהם, האָט איהם אונ־בעמערקט געצויגען פאר'ן רעקעל און גערופען טאַנצען. ער האָט נאַריש און פערלאָרען געשמייכעלט און געמורמעלט:

— באַלד... באַלד...

רחל האָט געברענט מיט אייפערזוכט און האַס. אַ שמערצלי־כער פערדרוס איז געלעגען בעהאַלטען אין די ווינקלען פון איהר מויל און זי האָט קאַפּריזנע געביסען זיך די ליפּען.

לינאַ האָט עס בעמערקט און עפּעס שלעכטעס און בייזעס, ווי אַ שוואַרצער וואָלקען, האָט אַ שוועב געטהאָן איבער איהר טונ־קעלען פּנים... זי האָט זיך צוגערוקט נעהענטער צו איהם, האָט כלומרשט אונבעוואוסטזיניג צוגעדריקט איהר פוס צו זיינעם און דערצעהלט אַ צוויי־דייטיגען אַנעקדאָט.

און אַז עס איז געקומען די צייט אַהיים צו געהן האָט קליינמאַן ניט בעגלייט די כלה, נור איז אַוועק מיט לינאַ'ן. די בלוטען זיינע האָבען געזאָדען, אין קאָפּ האָט עס גערוישט און ער האָט זיך קיין חשבון ניט אָבגעגעבען וואָס ער טהוט. לינאַ'ס גאַרענדע פינקלענ־דע אויגען האָבען איהם מאַגנעטיש געצויגען און ער איז איהר גע־האָרכזאַם נאָכגעגאַנגען ווי אַ הונד.

זי האָט איהם איינגעלאַדען צו נעכטיגען ביי איהר אין הויז. ער האָט מיט אָפענער פרייד צוגעשטימט. זי האָט איהם אריינגע־פיהרט אין אַ לופטיגען צימער און אויסגעבעט איהם דאַס געלעגער און זיך איהם אויפ'ן אָרט אָבגעגעבען...

פיער יאָהר וואהנט ער שוין אין דיזען צימער.

קליינמאַן האָט טיעף, יאוש'דיג אַ קרעכץ געטהון און זיך אַ קלאַפּ געטהאָן מיט די פויסטען אין ברוסט. און ווידער האָט ער

בעקומען דעם איינדרוק ווי עפּעס רייסט זיך ביי איהם אין האַר־צען און פאַלט...

איינם אַזייגער האָט די פּוילישע געשטופּעלטע דיענסט־מיידעל געדעקט צום טיש. זי האָט אומגעלומפּערט זיך געשאַרט ארום דעם טיש און ניט געפונען קיין בעקוועמען אָרט פאר איהרע גראָבע שווערע פיס. לינאַ נאָך אלץ אין איהר מאָרגען־קלייד איז געזעסען צווישען איהר מאַן לואי׳ן און דעם זון איזי׳ן. דער צוויי יעהרי־גער עדי איז אויף א הויכען שטוהל געזעסען הארט לעבען פאָטער.

קליינמאן האָט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין געוועהנליכען פּלאַץ אנטקעגען לינאַ׳ן, אָבער ער האָט ניט געקוקט אויף איהר און האָט מיט די אויגען געוואָלט שלום מאכען מיט איזי׳ן. איזי, א דריי־צעהן יעהריגער אינגעל, א געזונדער און א געוויקסיגער ווי די מו־טער, און מיט א בלאָנדען אומעדיגען פּנים וואָס איז געווען עהנליך אויפ׳ן פאָטער, האָט געקוקט אויפ׳ן פאָטער און געשוויגען. קליינ־מאן האָט היינט בעזונדערס זיך געפיהלט שולדיג געגען איהם.

מיט דריי יאָהר צוריק אין א זומערדיגען נאָכמיטאג איז איזי אריינגעקומען צו איהם אין צימער און איהם געטראָפען מיט לי־נא׳ן אין א העסליכער פּאָזע. אָבער די מוטער האָט זיך ניט פער־שעהמט, זיך ניט צושראָקען. זי האָט זיך בלויז אויסגעבייזערט אויפ׳ן קינד און איהם שטרענג געוואָרענט, אז אין די צוקונפט, איידער ער עפענט אויף א טיהר, זאָל ער פריהער אָנקלאַפּען... ער אליין האָט זיך דאן געהאַט אויפ׳ן מאָמענט שרעקליך פערלאָ־רען, און געפיהלט, אז ער וועט דעם קינד קיינמאָהל מעהר ניט קענען קוקען גלייך אין די אויגען. אָבער לינא׳ס זיכערקייט האָט איהם בערוהיגט. איהר פעסטקייט האָט זיך איהם שנעל איבער־געגעבען און ער האָט באלד אויפגעהערט זיך צו בעטראכטען ווי א שולדיגען און האָט אויך פאַרגעהאַלטען דעם קינד וואָס ער איז אזוי ניט פאַרזיכטיג.

איזי האָט דאַן געשוויגען, ווי ער וואָלט גאָרניט בעגריפען די בעדייטונג פון דער סצענע וואָס האָט זיך פאַר איהם אָבגעשפּיעלט. אָבער וואָס מעהר צייט עס איז פאַראיבער, וואָס עלטער ער איז געוואָרען, האָט זיך אין זיינע בליקען געמערקט אַלץ אַ שאַרפערער האַס צו קליינמאַן'ען און אַ טיעפע פעראַכטונג צו זיין מוטער.

קליינמאַן האָט דיעזע פּאַסירונג קיינמאָהל ניט דערמאָהנט און זיך געוואונדערט מיט וואָס פאַר אַ לייכטקייט דאָס איז פערשוואונדען פון לינאַ'ס זכרון. ער האָט זעלטען געהאַט צייט צו טראַכטען וועגען איזי'ן. אָבער היינט האָט איהם פּלוצלינג גענומען פייניגען אַ געפיהל פון זינדיגקייט און חרטה און איהם האָט זיך געוואָלט מיט'ן אינגעל דורכריידען. — זאָל ער וויסען ווי אזוי ער קומט צו זיי אין הויז אריין.

— נו, ווארום עסט איהר ניט? — האָט לואי זיך געווענדעט צו קליינמאַן'ען — די זופּ וועט קאַלט ווערען.

— איך האָב זיך מורא אָפּצובריהען — האָט קליינמאַן פערלעגען אַ שמייכעל געטהאָן.

ער האָט מעכאַניש אָנגעשאָטען אין טעלער זאַלץ און פעפער און נאַכדעם ווען ער האָט געזופּט פון לעפעל און עס האָט איהם געברענט אין מויל, ווייל ער האָט צופיעל פעפער אריינגעשאָטען, האָט ער געטראַכט אַז קאַטלער איז אַ זעלטענער גאָלדענער מענש און אַז ער, מאָררים, האָט איהם מסתמא ניט איין שלאָפלאָזע נאַכט פערשאַפט. פאַר'ן מאַן זיינען לינאַ'ס בעציהונגען מיט איהם ניט געווען קיין סוד, און דאָך האָט ער תמיד געשוויגען ווי אַ ספינקס און דער שטיינערנער פערשלאָסענער אויסדרוק פון זיינע וואַסערדיגע אויגען האָט זיך קיינמאָל ניט געביטען. ער האָט קיינמאָל ניט ארויסגעוויזען קיין כעס, קיין אונגעדולד, און פלעגט בלייבען ביינאַכט אין דער היים מיט די קינדער, אַז ער און לינאַ פלעגען ערגעץ אוועקגעהן. אין אַבענד, אַז ער פלעגט זיך צוריקקעהרען

פון זיין געשעפט, פלעגט ער ארומגעהן אַ שווייגעדיגער און פער־טראַכטער ווי אַ פרעמדער אין זיין אייגענער שטוב. נאָר אָפט האָט ער גענומען ביידע קינדער און זיך פערשלאָסען מיט זיי אין שלאָפצימער און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס ער טהוט דאָרט מיט זיי. אָבער איזי האָט איהם אָהן שיעור געליעבט און געאַכ־טעט און דער קלייניגקער עדי האָט פרעהליך געפּאטשט מיט די הענטלעך, אז ער פלעגט זיך בעווייזען אויפ׳ן שוועל. לכתחילה האָט קליינמאַן זיך געשראָקען פאר איהם, נור מיט דער צייט האָט ער זיך צוגעוואוינט זיך ניט צו רעכענען מיט איהם, אַקוראַט ווי לואי קאָטלער וואָלט דאָ אַ פרעמדער קוואַרטיראַנט געווען און ער איז גאָר דער אמת׳ער בעל הבית...

איהם האָט זיך געדוכט, אַז לואי מוז שרעקליך ליידען פון זיין פרוי׳ס האנדלונגען און ער האָט ניט פערשטאַנען וואָס עס צווינגט איהם צו לעבען מיט איהר און זיך ניט שיידען מיט איהר אויף אייביג.

— עסט אַ ביסעל שנעלער — האָט לינאַ פּלוצלונג איבערגע־ריסען די שטילקייט — מיר וועלען אַזוי היינט ניט פאַרטיג ווערען.

דער מאַן האָט פערוואונדערט אויפגעהויבען אויף איהר די אויגען און אין דעם אונגעדולדיגען בליק וואָס זי האָט געוואָרפען אויף קליינמאַן׳ען האָט ער דערזעהן עפּעס נייעס, אונערוואַרטע־טעס, און ער האָט זיך געפרעגט אין געדאַנקען: „וואָס־זשע, ער איז איהר שוין אויך נמאס געוואָרען?" ער האָט זיך אומגעדרעהט צו קליינמאַן׳ען און זיין קוואַרטיראַנט׳ס בלאַסקייט און צוטראַגענ־קייט און די בלויע רינגען אונטער די אויגען האָבען בעשטעטיגט זיין געדאַנק. — „אַ רחמנות אויפ׳ן יונגען מאַן", — האָט ער מיט בעדויערען אַ טראַכט געטהאָן.

איידער די דיענסט מיידעל האָט נאָך דערלאַנגט די טהע, האָט זיך שוין לינאַ אויפגעהויבען פון איהר פּלאַטץ.

— איך געה זיך אָנטהאָן — האָט זי ערקלעהרט און זי איז פערשוואונדען אין שלאָף־צימער.

קליינמאַן און דער מאַן האָבען איהר נאָכגעפאָלגט מיט די בליקען. זייערע בליקען האָבען זיך בעגעגענט, זיך דורכגעקרייצט, אוןביידע מענער האָבען פערלעגען און צוטומעלט אראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— זי ערוואַרטעט אימיצען? — האָט לואי בכיון געפרעגט, אז קליינמאַן זאָל וויסען אז ער פערשטעהט וואָס עס קומט פאַר צווישען איהם און דער פרוי.

— בלאַק דאַרף דאָ קומען — האָט קליינמאַן מיט האַרצ־וועהטאָג געזאָגט. — ער האָט אין דער פריה טעלעפאָנירט.

— מיר האָט זיך טאַקי געדוכט אין שלאָף, אז איך הער דעם טעלעפאָן קלינגען—האָט לואי געזאָגט און גענומען קלאַפּען מיט די פינגער איבער'ן טיש.

און פּלוצלינג איז דיזער שווייגענדיגער מרה שחורה'דיגער מענש געוואָרען קליינמאַנען אזוי נאָהענט און ליעב און ער האָט געוואָלט פאַר איהם אויפדעקען זיין צו־וואונדעט האַרץ. אָבער ער האָט זיך באַלד דערמאָהנט, אז ער האָט קיין רעכט נים אויף זיין מיטלייד, אז פּונקט ווי ער מאַטערט זיך איצט צוליעב בלאַק'ס קו־מען אין הויז, האָט זיך לואי אפשר געמאַטערט בעת ער איז גע־קומען. יאָ, נים וועניג עגמת נפש האָט ער לואי'ן פערשאַפט, און קליינמאַן האָט פערביסען די ליפּען און געשוויגען.

עדי האָט אויף זיין הויכען שטוהל געקלאַפּט מיט א לעפעלע אין האַלץ און געזונגען א משונה'דיגען קינדישען ניגון. צום ער־שטען מאָהל האָט קליינמאַן געוואָגט אין דער אנוועזענהייט פון קאָטלער'ן צו קוקען אויפ'ן קינד מיט צערטליכע ליבענדע בליקען פון א פאָטער.

איזי האָט געטרונקען טהע און שטום געלעזען א בוך, קאָטלער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן דיוואַן און פערררויכערט א סיגאַר.

קליינמאַן האָט גענומען עדי׳ן אויף די הענד און איז אריינ־געגאַנגען מיט איהם צו זיך אין צימער, ער האָט זיך אוועקגעשטעלט מיטן קינד ביים שפּיגעל און געקוקט מיט ברענענדיגע אויגען אויף דעם קליינעם מיילכעל מיט די דינינקע ליפּען אויף דער לאַנג־ליכער וויסינקער נאָז און איהם פעסט געדריקט צו זיך און געקושט.

— דו ביזט מיין זוהן — האָט ער ווײנענדיג געשעפּצעט — מיין זוהן...

לינאַ איז געשטאַנען ביים טואַלעט־טישעל און האָט אַרויפ־געצויגען אויף זיך אַ זיידען קלייד מיט אַ טיפען דעקאָלטע. איהרע באַקען האָבען געפלאַמט און זי האָט פרײדיג געאָטהעמט, בעט־ראַכטענדיג איהר יונגע פולע שעהנע געשטאַלט. היינט, האָט זי געוואוסט, מוז זי פאַנגען אין איהר נעץ בלאַק׳ן. עס פאַנגט זיך אָן אַ נייער קאַפּיטעל אין איהר לעבענס־ראָמאַן: קאַפּיטעל בלאַק. דער קאַפּיטעל קליינמאַן האָט זיך אויפגעלייזט, איז צורונען גע־וואָרען, ווי דער רויך אין אַ העלען לופטיגען טאָג. זי האָט זיך ניט געפיהלט שולדיג אין קיין הינזיכט געגען איהר פריהערעגען גע־ליבטען, זי האָט מיט איהם קיין מיטלייד ניט געהאַט, זי האָט גענומען פון איהם און האָט איהם געגעבען אַ סך פרייד און פערגע־ניגען . איצט וויל זי אָן אַנדערן, אַ שטאַרקערען און שעהנערען. ער איז נאָך יונג, זאָל ער זיך קריגען אַ צווייטע געליעבטע. דאָס לעבען איז קורץ, מען טאָר עס ניט פערשווענדען אין נאַרישע חרטה און רחמנות. איבערהויפּט איז איהר צוזאַמענקומען זיך מיט קליינמאַן׳ען געווען אַזוי מאָדנע און אונערוואַרטעט. ער האָט איהר ניט אַזוי בעצויבערט ווי עס האָט איהר שטאַרק אָפּגעקעלט די כלה זיינע מיט׳ן ווייסען קעלבערנעם פּנים וואָס האָט זיך ווי בע־ריהמט מיט איהר אונשולדיגקייט. און דאַן אַז זי איז געזעסען מיט קליינמאַנען ביים טישעל און די כלה האָט איהם גענומען צופּען

און שלעפּען, האָט זיך אין איהר ערוועקט אַ בלינדער האַס צו דער מיידעל און זי האָט איהר געוואָלט וועה טהאָן. ווען ניט דיזער נקמה־געפיהל, וואָלט זי זיך איהם ניט אזוי גיך אונטערגעגעבען. זי האָט איהם בלויז געוואָלט אוועקנעהמען פון דער מיידעל. אָבער נאָכהער האָט ער געווירקט אויף איהר מיט זיין פיינקייט און גע־טריישאַפט און זי האָט אויך אַן אמת'ען זיך פערליעבט אין איהם. זי האָט אפילו געגלויבט אז ער איז געווען עדי'ס פאָטער, אָבוואָהל זיכער איז זי ניט געווען, מעגליך דאַס איז געווען לואי. דער גע־דאַנק וועגען מאַן האָט ארויסגערופען אין איהר אַן עראינערונג וועגען איהרע ערשטע הייראטהס־יאָהרען. זי איז געווען אַ שעהנע לעבענס־לוסטיגע פּראָסטע מיידעל, וואָס האָט געגלויבט אין גאָט און לייט, זי איז געווען אַן אָרעמע און קאָטלער איז געווען אַ פער־מעגליכער געשעפטס־מאַן, און דער שידוך איז פאַר איהר אַ גליק געווען.

— — — — — — — — — — —

לינאַ האָט דעם מאַן ניט זעהר געליעבט, זי איז איהם אָבער געווען געטריי איבערגעגעבען, און איהם געאַכטעט. ער איז געווען אַ פריי־דענקער און האָט רק גערעדט צו איהר וועגען פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט און איהר געפיהרט אויף פערזאַמלונגען, וואו גרויסע געבילדעטע מענשען האָבען געפּרעדיגט דאַס מענשען מוזען לעבען גליקליך, אָהן אירגענד וועלכען צוואַנג. די נייע אידעען האָבען זיך קוים געקענט דורכברעכען אַ וועג אין איהר מוח, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט אבערגלויבען און פאָראורטהיילע. האָט אָבער איהר עגאָאיסטישע עקשנות'דיגע נאַטור איינמאָהל איינ־געזאַפּט אין זיך די אידעע וועגען פרייהייט, האָט זי צוריסען אלע קייטען פון מורא און פּפליכט און זיך אנגעצייכענט אַן אייגענעם וועג אין לעבען.

איהר איזי איז שוין אלט געווען דריי יאָהר, ווען זי האָט זיך היגגעריסען מיט אַ אידישען אקטיאָר און איז געוואָרען זיין גע־

ליעבטע. און אזוי האָט זי געביטען איהרע געליעבטע ווי א שלאַנג איהר פעל. זי איז געווען גייסטיג אָרעם, אָבער פיזיש אונגעוועהנ־ ליך רייך און דער בעגריעף וועגען פרייהייט האָט ביי איהר בע־ קומען אַן אויסדרוק אויף א ריין פיזישען אופן.

קאַטלער האָט אין אָנפאנג פּראָטעסטירט. זי האָט זיינע טענות אָפּגעשלאָגען מיט דעם געוועהר וואָס ער האָט איהר אליין אין האנד געגעבען. ער האָט צו שפּעט פערשטאנען זיין טעות, און ווייל ער האָט זי אלץ ליעב געהאט און ווייל ער האָט זיין זוהן נאָך שטארקער געליעבט, איז ער עד היום געבליבען דער מאַן און טאַטע.

— — — — — — — — — — —

לינא האָט הויך פערקעהמט די האָר צוזאמענלייגענדיג די צעפּ ווי א געקינסטעלטען לעקאך, זיך בעגאָסען מיט פערפיום, (קיין פוידער האָט זי קיינמאל ניט געברויכט) איז אריינגעגאנגען אין פּארלאָר און זיך אוועקגעזעצט אין וויעג שטוהל, אויסווארטענדיג אויף בלאק'ן. ער איז געווען א שטאַלצער אונבויגיזאמער בחור און זי האָט איהם געוואָלט ברעכען, זי האָט געווארט ווי א טהיער־ צאַמערין אויף א לייב, וואָס זי דארף פּייניגען ביז ער ווערט גע־ האָרכזאַם און אונטערטהעניג.

אז בלאק איז געקומען האָט געגאָסען א רעגען. שווערע טראָ־ פּענס וואסער זיינען ווי קויהלען געפלויגען פון דעם פערדרויכערטען הימעל און האָבען געלעכערט און אויפגעריסען די ניט ברוקירטע טראָטוארען. בלאק האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און מיט די הענד אום ארונטערצושרייסלען פון זיך דאָס וואסער וואָס האָט איבער איהם גערונען. ער האָט אויסגעווישט מיט א טאַשען־טיכעל דאָס פול־בלוטיגע ענערגישע געזיכט, האָט אויסגעווישט די שיך אַן קאָר־

פעט און אויף לינא'ס ראטה ארונטערגענומען דאס רעקעל.

— ווי געפעלט אייך א וועטער? — האט ער אויף זיין באסאוועץ קול זיך געווענדעט צו קאטלער'ן און קליינמאנען און ניט ווארטענדיג אויף קיין ענטפער, ווי זיי וואלטען פאר איהם קיין שום בעדייטונג ניט געהאט, איז ער א הויכער, ברייט־ביינענדיגער און חוצפה'דיגער אריין אין פארלאר.

קליינמאנען האט בעהערשט א געפיהל פון האס און בעליי־דיגונג און עס האט איהם געשפארט צו טהאן עפעס אזעלכעס, וואס זאל בלאק'ן וועה טהאן, ער האט אן אויגענבליק געזוכט צו צו־טראכטען א העסליכען שימפפערישען ווארט וואס ער זאל זיין שונא א שליידער טהאן. נור אז ער האט בעמערקט קאטלער'ס קאלט־בלוטיגקייט און גלייכגילטיגקייט, האט ער זיך פערשעהמט פאר זיין היציגקייט און איז געבליבען שטיל. איזי האט אויפ'ן גאסט גע־ווארפען א צארענדיגען בליק, און קליינמאן האט זיך דערמאהנט אז אויף איהם האט ער אויך אזוי געקוקט.

לינא האט זיך געשארט ארום בלאק'ן, האט געוויגט איהר רייפען בלומענדיגען גוף ווי זי וואלט עס איהם געוואלט צייגען, וואס פאר א שענהייט זי איז. זי האט אויסגעזעהן יונגער, שטראה־לענדיגער, מיט א גלאנץ פון א טיגערין אין די אויגען. זי האט באלד צוגעמאכט די טהיר פון פארלאר און קליינמאן האט געהערט א געהיימניספאלעס שושקען זיך און אין א ווייל̇ע ארום דאס שפילען אויף דער פיאנא. לויט'ן פאלשען טאן האט ער דערקענט לינא'ס שטייפע ווייסע פינגער און פלוצלונג האט זי מיט אן אנ־געגעהמע סאפראנא אנגעפאנגען צו זינגען:

„טייק מי בעק טו דהי גארדען אוו לאוו, דיער,
„אנם אגעין לעט מי בלום אין יאר הארט;
„טייק מי בעק טו דהי ביוטיפול ספרינגטיים
„ווהער סאנשיין ענד לאוו נעווער פארט....

— נעהם א בוך און געה ארויף צו זיך אין צימערעל לעזען —

האָט קאָטלער פּלוצלונג געזאָגט צו זיין זוהן, ווי ער וואָלט ניט גע־וואָלט אז ער זאָל הערען דער מאַמעס געזאַנג. איזי האָט אויפגע־הויבען אויף'ן פאָטער זיינע קלוגע מיטליידיגע אויגען און שטיל אַ זיפץ געטהאָן.

— איך וועל אַזוי טאקע טהאָן — האָט ער געזאָגט. ער האָט גענומען אַ בוך אין האַנד און פאַר'ן ארויסגעהן האָט ער געוואָרפען אויף קליינמאַנען אַ בליק וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיט אַזוי פיעל יסורים און עקעל דאָס דער לעצטער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס קינד וועט איהם קיינמאָהל ניט פערצייהען און ניט אויפהערען צו האַסען.

דרויסען האָט געגאָסען דער רעגען און עס האָט זיך געדרוקט אַז שמאָלע שטאָלענע שפּיזען פאַלען אויף דער ערד. די פענסטער זיינען נאָס געוואָרען און דאָס וואַסער אויף זיי האָט זיך געוועבט אין וואונדער־שעהנע קווייטען און איז גלייך צורונען געוואָרען.

— נו, וואָס זאָל איך אַ צינד טהאָן? — האָט זיך ביי קליינ־מאַנען ניט ווילענדיג ארויסגעכאַפּט, — איך בין אַ צינד ווי אַן אַפּעלסין, די זאַפט האָט מען אויסגעזויגען און די שאָלעכץ אויס'ן פענסטער ארויסגעוואָרפען.

קאָטלער האָט געשוויגען.

— וואָס זאָל איך אַ צינד טהאָן? — האָט קליינמאַן שטיל איינטאָניג אין טאַקט מיט'ן רעגען ווידערהאָלט.

קאָטלער'ס פערגליווערטער שטיינערנער פּנים האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן. ער האָט צוזאַמענגעצויגען די שיטערע ברעמען און מרה שחורה'דיג געזאָגט:

— ניט שעהן פאַר אַ מאַן צו ווערען אַזוי צוקראָכען.

ער האָט דערזעהן ווי בלייך און נידערגעשלאַגען קליינמאַן איז, און האָט געקראָגען רחמנות אויף איהם.

— עס וועט פעראיבער געהן — האָט ער צוגעלייגט מיט וואַ־

רעמקייט אין קול. איהם האט פערדריקט אין הארץ. ער האט מעהר צו קליינמאנען ניט געשפירט קיין כעס, קיינע תרעומות, פאר איהם איז געזעסען א מענש אונגליקליך און צובראכען ווי ער אליין און ער האט איהם אמת ליעב בעקומען. איהם האט זיך פערגלוסט, זיך ארויסצורעדען פון הארצען, אראפווארפען די שווערע משא, וואס האט איהם אזוי פיעל יאהרען געדריקט און ער האט געזאגט:

— מאריס, דאס וואס איהר לעבט דורך, טראג איך שוין אויף מיין נשמה איבער עלף יאהר. גלייך נאך איזי'ס געבורט, איז זי מיר געווארען אונטריי. איך האב געוואוסט אלע איהרע געליבטע, זי האט זיי אלעמען געבראכט צו מיר אין הויז און.... און....

איהם איז ענג געווארען אין האלז, די טרעהרען האבען איהם גענומען שטיקען און ער האט קראמפפהאפט צוזאמענגעדריקט די פויסטען.

— פארוואס זשע זייט איהר געבליבען לעבען מיט איהר? — האט קליינמאן געפרעגט.

— פארוואס? — האט קאטלער געזאגט נאכדעם ווי ער האט זיך בערוהיגט, — ווייל איך האב געפיהלט, אז איך בין אליין שולדיג אין מיין לאגע, זי איז געווען אן אונוויסענדע מיידעל און איך בין געווען א בעלעזענער פריי־געזאנענער מענש, איך האב געזוכט אויפצוקלעהרען, מאכען איהר איידעלער, פרייער, אבער איהר האט צוגעצויגען בלויז די העסליכע זייט פון דעם גאלדענעם מעראל... און ווען דאס האט צום ערשטען מאהל פאסירט, בין איך שוין געווען א טאטע, איך האב מיין זוהן משוגע'נערווייז ליעב געהאט, און איך האב געטראכט אז איך וועל זיך מיט איהר שיידען, וואס וועט ווערען פון קינד? איך בין פערנומען אין מיין געשעפט, דאס קינד וועט אויפוואקסען אויף פרעמדע הענד און דאן טאקי אלס אמת פרייער מענש, האב איך איהר ניט געקענט אין גאנצען פערדאמען, איך בין א שוואכער, א מיאוס'ער, און זי איז א שעהנע, אן אייזען־שטארקע....

קליינמאן האָט געוואָלט עפּעס איינווענדען, ער האָט זיך גע־וואָלט מודה זיין אין וואָס פאר א פּאָזע איזי האָט איהם געכאַפּט מיט דער מוטער, כדי צו צייגען וואָס פאר אן ערציהונג זי האָט איהם געגעבען, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטען.

די געשטופּעלטע דינסטמיידעל האָט אריינגעבראַכט עדי'ן, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

קאַטלער האָט איהם גענומען צו זיך אויפ'ן שויס, האָט גע־שמאַצקעט מיט די ליפּען און איהם געקיצעלט אונטערן מאָרדעצקע.

— ווי האָט זיך דיר געשלאָפען זוהנעלע, הא? — און ער האָט עדי'ן א ציה געטהאָן פאר'ן אויער.

קליינמאן האָט זיך צוגערוקט מיט'ן שטוהל און גענומען קושען דעם קינד'ס הענטלעך, און געפּיהלט האָט ער אז עדי איז בלוט פון זיין בלוט און פלייש פון זיין פלייש.... און עס איז געווען קלאָהר פאר איהם, אז דאָ אין שטוב האָט ער מעהר קיין פּלאַטץ נים. די פערגאנגענע פיער יאָהר וועט ער מוזען אויסשניידען פון זיין לעבען ווי אן אייטערדיגע אויסצעהרענדע וואונד און אָנפאנגען א נייעם נוצליכען ריינעם לעבען.

און הינטער דער טהיר, אין פּאַרלאָר, האָט לינא תאוה'דיג גע־זונגען:

„טייק מי בעק טו דהי גאַרדען אָוו לאָוו, דיער,
„אָנם אַגעין לעט מי בלום אין יאָר הארט;
„טייק מי בעק טו דהי ביוטיפול ספּרינגטיים
„וועהר סאָנשיין ענד לאָוו נעווער פּארט....

און בלאַק האָט חוצפּה'דיג און וואויל־יונגיש איהר צוגעפּייפט.

די שיידונג

ראָזאַ איז געזעסען ביים פענסטער און אַלץ געטראַכט וועגען דעם, דאָס יענער גרויסער, עדעלער געפיהל, וואָס האָט אַ מאָל אָנגעפילט איהר נשמה און, דאַכט זיך, איהר גאַנצעס וועזען, האָט אויסגעוועפּט, איבערלאָזענדיג אַ גרויליכע פּוסטקייט. עפּעס טייערעס, חשוב'עס און גייסטפולעס איז פערשוואונדען פון איהר לעבען און אצינד איז דאָס שוין מעהר ניט געווען קיין לעבען, נור אַ קלעגליכער דא־זיין. פון דיעזען בעוואוסטזיין האָט איהר זעלבסטווירדע שטאַרק געליטען.

עס איז געווען אַ געפיהל פון פערדרוס און בעליידיגונג, וואָס האָט פערגיפטעט איהר געמיט. זי האָט עס געהאַלטען פאַר איהר הייליגען געוויסען־חוב זיך צו בעפרייען פון דיעזער שרעקליכער מאַטערנים, און זי האָט אַלץ געהאַלטען אין איין פרעגען זיך: „ווי אזוי?"

זי האָט ניט געוואוסט ווי אזוי זי וועט לייזען די מורא'דיגע פראַגע, נור אַ ווייט־פערבאָרגען קול האָט איהר אונטערגעזאָגט, דאָס היינט ביינאַכט מוז עס קומען...

„אָהער אָדער אַהין" — האָט אונקלאָר דורכגעשוועבט אין איהר מח און איהר האַרץ האָט האַסטיג אָנגעפאַנגען צו שלאָגען.

ראָזע האָט ארויסגעקוקט אויף דער גאַס. איהר געזיכט איז געווען בלאַס און פערמאַטערט. די אויגען, פערוואָלקענט מיט

טרעהרען, האָבען געבליקט ערנסט און בייז. איהרע האָר זיינען אין שוואַרצע וועלען צופאַלען איבער איהרע הויכע רונדע שול־טערען און אין דער ווייכער דונקעלהייט פון אבענד האָט זי אויס־געזעהן שטאָלץ און גראַציעז און עס האָט געשיינט אונמעגליך דער געדאַנק, אַז דיזע פרוי ליידט איצט אַזוי גרויזאַם.

די גאַס איז געווען מענשענלאָז און וויסט. עס האָט גע־בלאָזען אַ פייכטער הערבסט־ווינד. די לבנה האָט מאַיעסטעטיש און גדלות'דיג מאַרשירט איבער דעם דונקעל־בלויען וועלט־דאַך... עס האָבען געגלימצערט די צאָהללאָזע שטערען.

ראָזאַ האָט געקוקט אויף די איינפערמיגע אומגעלומפערטע מויערען געגענאיבער און געטראַכט, אַז אפשר אין יעדען איינעם פון זיי זיצט אַ פרוי אונגליקליך, ווי זי, און מוטשעט זיך. און פון דאָס ניי איז ארויסגעשוואומען די פראַגע: „ווי איז דאָס גע־שעהן?" ווי אַזוי איז די טיפע ערהאַבענע פריינדשאַפט און ליעבע, וועלכע האָט זיי צוזאַמענגעפּאַרט און פערבונדען, פּלוצלונג פערניכטעט געוואָרען. און מעגען זיי, טאָרען זיי — צוויי עהר־ליכע אינטעליגענטע מענשען — פערלענגערען זייער צוזאַמענלע־בען, וועהרענד זייער ליעבעס־קוואַל איז אויסגעשעפּט, און די בע־ציהונגען זיינען געוואָרען גלייכגילטיגע און זאָגאַר פיינדליכע. וואו ליגט די סיבה פון דיזער אומענדערונג? איז עס איהר שולד אָדער יאַקאָב'ס? ניין, מיט אַ ריינעם געוויסען קען זי שווערען, אַז ביידענס נים. אויסערליך איז צווישען זיי פערבליבען דיזעלבע העפליכקייט און חבר'שאַפט, נור אינערליך האָבען זיי מיט יעדען טאָג אימער מעהר און מעהר זיך דערווייטערט, פערפרעמדט און פערהאַסט...

דאָס וואָרט „יאַקאָב" האָט קאַלט און עלענד אָבגעקלונגען אין איהר הארצען. און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען דיזער נאָמען האָט ווי אַ צויבערהאַפטער מעכטיגער ניגון געלאַסטשעט איהר אויער און אָנגערעגט און בעגייסטערט צו אַ זויבערען, עהרווירדיגען לעבען.

„הייסט עס, אז איך האָב איהם ניט ליעב מעהר?" — האָט ראָזא שווייגענדיג זיך געפרעגט. און אימיצער, אן אונזיכטבארער, האָט קורץ און דייטליך געענטפערט: „ניט מעהר!"

ראָזא'ן האָט א קאַלטער שוויים בעגאָסען און איהר קערפער האָט זיך קראַמפּפהאַפט צונויפגעשרומפּפען. זי האָט אויפגעצי־טערט.

„וואָס־זשע זאָל איך טהאָן?" און פערשטויסענדיג אויף א רגע דיזע שוידערליכע פראגע, האָט אויף א זאָנדערבארען אופן ער־וואכט אין איהר א בעקאַנטער אונרוהיגער געדאנק: „וואו איז הערר?"

זי האָט פערזעהן, ווי איהר אינגעלע האָט זיך ארויסגעמאכט פון צימער. און מיט א שטימע, פון וועלכער עס האָבען ארויסגע־קלונגען מוטער־שרעק און צארטקייט, האָט זי געשריען:

— הערר!.. וואו ביזטו?.. הערר!

ווען יאַקאָב איז געקומען אהיים, איז געווען א זייגער אכט. ער איז אריינגעגאנגען אין שטוב מיט יענעם זויערען אפּאטישען אויסדרוק פון געזיכט, וואָס איז אזוי כאראקטעריסטיש פאר די מענער, וועלכע פערלירען דעם אינטערעס אין זייער פאמיליען־לע־בען. אין זיינע בעוועגונגען, העויות האָט זיך געמערקט די זיכער־הייט פון א מאַן, וועלכער ווייסט, אז זיין הויז־ווירטהשאפט איז אין אָרדנונג, אז פאר איהם איז צוגעגרייט געשמאַקע, ריינע שפּייז, און אז די גוטע, טרייע ווייב איז פארטיג צו זיין בעדינונג. ראָזא האָט איהם אָבגעמאָסטען פון קאָפּ ביז די פיס און א בייז פייערל האָט אויפגעפלאַמט אין איהרע אויגען. זי האָט זיך אָבגעקעהרט.

— גוטען אבענד — האָט יאַקאָב געזאָגט שטיל און טרוקען.

— גוטען אבענד — האָט ראָזא געענטפערט קורץ.

יאקאָב'ן איז איינגעפאלען, דאָס ראָזאַ איז אפשר דערפאר ברוגז, מחמת ער האָט זיך אזוי שפּעט צוריקגעקעהרט אהיים און ער האָט איילענדיג צוגעגעבען:

— איך האָב זיך בעגעגענט אויף דער גאַס מיט...

— מיך ארט זעהר וועניג מיט וועמען דו האָסט זיך דאָרט בעגעגענט — האָט ראָזאַ איהם איבערגעהאקט די רעד.

ביידע האָבען לאַנג, עקשנות'דיג געשוויגען. יאקאָב האָט ברייטער געעפענט דעם געז־ברענער און אין צימער איז געוואָרען פיעל העלער און היימליכער. העררי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסען אויף דער סאָפאַ, בעשעפטיגט מיט זיין שפּילצייג, האָט לעבעדיג אויסגעשריען:

— הי.... הי.... ליכטיג....

ער איז געווען אלט אַ יאָהר פינף־זעקס, מיט זעהר אַ עדעלען שעהנעם פּנים און קויל־שווארצע, קלוגע, שמייכלענדע אויגען. ביי־דע, דער פאָטער און די מוטער, האָבען איהם שטאַרק געליעבט, און זיינען געווען פּערטיג צו ערפילען יעטווידען וואונש זיינעם, יעט־ווידען לעבערליכען קאַפּריז.

יאקאָב האָט איהם גענומען צו זיך אויפ'ן שויס און צערטליך איהם אַ קוש געטהאָן אין שטערען.

— וואָס טהוט מיין זוהן? — האָט ער שפּאַסהאַפט געפרעגט.

— שפּיעלט זיך.... — איז געווען די תשובה.

יאקאָב האָט זיך פונאַנדערגעלאכט. ראָזאַ האָט זיך ניט גע־קענט איינהאלטען. זי האָט ארומגעכאַפּט העררי'ן מיט איהרע קרעפטיגע ארעמס און האָט זיך איינגעגעסען מיט די צייהן אין זיין סאַמעטען בעקעל.

— הער אויף, דו טהוסט איהם וועה.... — האָט יאקאָב זי געפּרופט אָפּרייסען פון קינד.

— איך האָב איהם אזוי ליעב! — האָט ראָזא אין עקסטאַז פון איבערפולער מוטערליעבע אויסגערופען און איז אַפּגעגאַנגען אַן א זייט א פערשעהמטע און אויפגערעגטע. היינט האָט זי געוואָלט זיין ערנסט און בעזאָנען.

„מיר מוזען זיך היינט דורכרעדען", האָט אויפגעבליצט אין איהר מח דער פריהערדיגער בעשלוס.

— איך בין הונגעריג — האָט קוים הערבאר ארויסגעבורטשעט יאקאָב.

און ווען זיי זיינען געזעסען ביי'ן ציכטיגען, פיין־סערווירטען טיש און געגעסען, האָט ראָזא'ן זיך אויסגעדוכט, אז דאָס זיצט זי שוין א סך, א סך יאָהרען מיט א ווייטען, פרעמדען אונגעליעבטען מאַנספּערזאָן, און קייעט און שלינגט, און עס איז געוועזען א שרעק צו דענקען, דאָס פיעלייכט נאָך פיעלע יאָהרען וועט זי זיצען מיט איהם ביי דעם זעלבען טיש, וועט קייען און שלינגען, קייען און שלינגען . . .

„ניין, ניין!" האָט איהר שטאָלץ און עהרליכקייט העפטיג פּראָטעסטירט אין איהר, און קוקענדיג ענגסטליך און זאנפט אויף הערר'ין, האָט זי זיך געטרויסט: „מיר וועלען זעהן . . . ווי עס איז . . ." און האָט ניט דערענדיגט דעם געדאַנק. די צוקונפט האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט, ווי א געהיימניספאָלער, פער'חתמ'עטער בוך. נור איין זאַך איז פאר איהר געווען קלאָר און אונווידערלעג־באר: דאָס די געגענוואַרט איז שענדליך און מוז אָבגעבראָכען ווערען.

יאקאָב האָט געגעסען לאַנגזאַם, אָהן אַפּעטיט. ער איז גע־ווען א געזונטער, שעהנער, פעסט געבויטער בלאָנדין, מיט קורץ־געשאָרענע האָהר און טיעפע, בלויע אויגען. ער האָט בעמערקט אויף זיך די דורכדרינגענדע בליקען פון דער פרוי און דאָס האָט איהם געמאַכט אונאַנגענעהם און אונבעקוועם צו זיצען. ער האָט זיך אונגעשיקט געריקט איבער'ן שטוהל און דערפון האָט ער זיך

נאָך ערגער צומישט און פערלאָרען. ער איז בטבע געווען אַ פּאַ־סיווער, שוואַכמוטהיגער מענש און נור אין זעלטענע מאָמענטען האָט ער פערמאָגט די דרייסטקייט און קוראַזש אָפּען צו זאָגען דאָס וואָס ער האָט גערעכענט פאַר ריכטיג. און איצט, מעהר ווי ווען עס איז פריהער, האָט ער בעגריפען, דאָס ער מוז זיך אויסרעדען וועגען די אָנגעצויגענע פערהעלטניסע, וואָס האָבען זיך אַזוי אונ־געוויינשט איינגעשטעלט צווישען איהם און ראָזע'ן, און אויך וועגען די געפיהלע, וועלכע ער האָט די לעצטע צייט דורכגעלעבט אין בעטרעף צו איהר. דאָס האָבען געפאָדערט זיינע בעסערע איבערציי־גונגען און אידעאַלען, ווי אויך זיין העכערער „איך". ער האָט גע־שפּירט, ווי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז איז ער געוואָרען אימער קיהלער און גלייכגילטיגער צו דער פרוי, וואָס האָט אַ מאָהל מיט אַ לייכטער בעריהרונג געקענט אָנצינדען זיין בלוט. און איהם האָט געוואונדערט וואָס פּלוצלונג זיינען איהר האַלטונג, מאַניע־רען און אַרט רעדען איהם געוואָרען צו־ווידער און אָבשטויסענד. אָפט איז אַרויפגעשוואומען די פראַגע: „מיט וואָס ערקלעהרט מען עס?" און זיין גראַדער, געניטער שכל האָט כסדר געענט־פערט מיט אַן אָבשייליבען ציניזם „איך האָב זיך מיט איהר אי־בערזעטיגט".

— פאַר וואָס עסטו ניט? — האָט איהם אויפגעוועקט אַ צו־רייצט קול.

— איך וויל ניט — האָט ער אַבהענדיג אַרויסגעבראַכט — געננוג...

ניט פערלירענדיג מעהר קיין זילבע, האָט זיך ראָזע אויפגע־הויבען און שנעל אָבגערמאַט פון טיש. יאַקאָב האָט געשפּרייזט הין און צוריק איבער'ן צימער. הערי האָט עטוואָס פלייסיג געציי־כענט מיט אַ בליישטיפט אויפ'ן רעקלאַמען־זייטעל פון דער אָבענד־צייטונג, וואָס דער פאָטער האָט מיט זיך געבראַכט פון דער אַר־בייט, און שלעפעריג זיך געריבען די אויגען.

— קום נור שלאָפן, מיין מאָלער... — האָט די מוטער איהם ווייך אַנגענומען פאַר די הענד.

— איך וויל ניט שלאָפען — האָט דאָס קינד זיך געפּרופט צו וועהרען — פּאַפּאַ, איך ניט שלאָפען...

— זאָל ער זיך נאָך שפּיעלען — האָט יאַקאָב אונטערשלאָסען זיך איינגעשטעלט פאַר׳ן זוהן.

— ניט היינט... — האָט ראָזע שטרענג ערווידערט און האָט פיעל בעדייטענד איבערגע׳חזר׳ט: — ניט היינט.

זי האָט אַוועקגעטראָגען הערריי׳ן אין שלאָפצימער.

יאַקאָב האָט אַרונטערגענומען דעם זשילעט און די שיך און האָט זיך נאַכלעסיג אויסגעצייגען אויף דער סאָפאַ.

איבער איהם אויף דער וואַנד איז געהאַנגען אַ געלונגענער פּאָרטרעט פון מיכאַעל באַקונין, אַ טויטע קאָפּיע פון אַ לעבעדיגער, ריזענהאַפטער פערקערפּערונג פון ענטהוזיאַזמוס, העלדענמוטה און אונפערגלייכליכער ווידערשטאַנדס־קראַפט. אין ווינקעל צימער, בעלויכטען מיט אַ מאַטען שיין, איז געוועזען בעפעסטיגט אַן אייג־פאַבעס, עהרליכעס בילד פון לעוו טאָלסטאָי. און פון דער אַנט־קעגענדיגער וואַנד, איינגעפאַסט אין אַ שוואַרצער געשניצטער ראַם, האָבען בעשיידען און מעלאַנכאָליש אַרונטערגעקוקט די נאָבעלע פּי־אָנערען פון דעם רוסישען בעפרייאונגס־קאַמפּף.

יאַקאָב האָט צוגעשלאָסען די אויגען און מיט נערוועזער גע־שפּאַנטקייט זיך צוגעהערט צו דעם שטומען געראויש פון זיינע גע־דאַנקען. און די געדאַנקען האָבען זיך געדרענגט, געפלאָנטערט און ווידערשפּראָכען.

„ווי מיזעראַבעל, ווי נישטיג איך זעה עס אויס אין פערגלייך מיט דיזע טיטאַנען־גייסטער" — האָט ער געקלעהרט מיט זעלבסט־ערנידערונג און נערוועז געריבען דעם הייסען שטערען. — „איז עס ניט אַ פערשוועכונג, אַ לעסטערונג פאַר זייער אַנדענקונג, וואָס

איך געפֿין זיך גאָר אין זייער אַנוועזנהייט? מענשען האָבען זיך מקריב געווען, האָבען מיט זייער גליק און לעבען בעצאָהלט פאַר זייערע טרוימען און אידעען, און איך אַזא קליינינקייט, זיך שיידען מיט דעם ווייב האָב איך קיין מוטה ניט".

לויט זיינע אַנשויאונגען איז זייער ווייטערדיגעם צוזאַמענלע־בען געווען אַ מאָראַלישער פערברעכען. און ער האָט געשוידערט ביי דעם געדאַנק, אז ראָזע קען נאָך ווידער שוואַנגער ווערען און גע־בוירען אַ קינד, וואָס וועט געווים זיין דער פּראָדוקט פוןביידענס גראָבע אינסטיקטען, און ניט פון יענער נויטיגער געגענזייטיגער ליעבע און אַכטונג, וועלכע ער האָט געשטעלט, אַלס פונדאַמעט און הויפּט־בעדינגונג פון געשלעכטליכער פערקעהר.

„אַלזאָ, זיך שיידען", האָט עס דורכגעצוקט אין זיין מוח.

און ער האָט מיט אַ שניידענדע, שמערצליכע קלאָרהייט דער־פיהלט, ווי טהייער, ווי אונשעצבאַר עס איז איהם דאָס הויז מיט זיין וואַרימקייט און ליבטיגקייט און זיין אייגענער געלעגער און מאָהלצייט. ער האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט, האָט זיך אַזוי אַריינ־געלעבט אין דיעזער אומגעבונג, דאָס איהם האָט אויסגעזעהן כמעט ווי אונמעגליך אָבצורייסען זיך פון דעם אַלעס, און ווערען צוריק יאַקאָב גראַלין, דער בחור, דער נע ונד'ניק פון די דאָזיגע איינזאַ־מע יאָהרען איידער ער האָט זיך צוזאַמענגעטראָפען מיט זיין ראָ־זאָ'ן.

„האָב איך זי ווירקליך ניט ליעב מעהר?" — איז ווידער אויפ־געוואַקסען די פראַגע, וואָס האָט איהם אַזוי אונערבאַרעמליך בע־לעסטיגט די לעצטע צייט.

און נאָך אַ וועהמוטהיגען, גריבלענדען נאַכדענקען האָט ער זיך געענטפערט:

— איך האָב זי ווירקליך ניט ליעב מעהר!

ער האָט אויפגעשפּילעט דעם קאָלנער פון העמד, האָט טיעף

אָבגעאַטהעמט און האָט זיך איבערגעדרעהט מיט'ן געזיכט צום סאָפאַ און אריינגעגראָבען דעם קאָפּ אין זיינע פלייׁשיגע פערש־וויצטע הענד.

— יאַקאָב!

ראָזאַ איז געזעסען אין וויעג־שטוהל און האָט אָפען און ארויס־רופענד געקוקט אויף איהם. הערריי איז שוין איינגעשלאָפען. זי איז געזעסען א מיעדע, פער'צרה'טע און אויסגעמאַטערטע פון אָנ־שטרענגונגען און פיינליכע מחשבות. זי האט געפיבערט פון אונ־געדולד אָנצופאַנגען דעם וויכטיגען געשפּרעך.

— יאַקאָב!

יאַקאָב האָט לאַנגזאַם און געהאָרכזאַם זיך אויפגעזעצט.

— וואָס איז? — און ער האָט פרעגענד אָנגעשטעלט אויף איהר די אויגען.

און אזוי ווי אן אונבעוואוסטע, אונערקלעהרליכע מאכט וואָלט פערשמידט זייערע ליפּען, זיינען זיי ביידע געזעסען אונרוהיג און צורודערט און האָבען געשוויגען. און אַלעם דאָס, וואָס איז מיט אייניגע מינוט פריהער געווען פאַר זיי פערשטענדליך, נאַטיר־ליך און אונפערמיידליך, האָט זיך איצט אויסגעצייגט אזוי זאָנדער־באַר און אונגעוועהנליך און זיי האָבען ניט געפונען קיין ווערטער און קיין פעהיגקייט דאָס אויסצודריקען.

— נו, מיר מוזען דאָס קלאָר מאכען... — האָט ראָזאַ ענד־ליך שטיל און ענטשלאָסען ארויסגערעדט — עס דאַרף נעהמען א סוף...

— דו האָסט רעכט — האָט יאַקאָב האסטיג אונטערגעזאָגט — איך מיין...

— ווארט אויס, לאָז מיך פריהער... — האָט ראָזאַ איהם בעפעהלענד איבערגעריסען — שוין דריי מאָנאַטען, ווי איך האָב עס אַלץ אָבגעלייגט... איך האָב געדענקט, אפשר איז דאָס א טעות,

א פּאַראיבערגעהענדע שטימונג... ניין, דאָס איז אַן אמת! דו ביסט מיר אַצינד אַזוי פרעמד, ווי יענעם אָבענד, ווען איך האָב דיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט... נאָך פרעמדער, ווארום דאַן איז כאָטש געווען די נייגעריגקייט דיך נעהנטער קענען צו לערנען, און אַצינד ביזטו פאַר מיר איבעריג און ניט אינטערעסאַנט... און איך ווייס, אַז דו פיהלסט דאָס זעלבע צו מיר...

זי האָט אויף א ווײַלע איינגעשוויגען און נאָכדעם, מיט א געענדערטען טאָן, פול ליידען און טרערען, פאַרטגעזעצט:

— איך האָב עס בעמערקט נאָך זומער אין א זונטאָג... איך האָב דיך געבעטען מיט מיר זיך דורכצושפּאַצירען אין פּאַרק. און דו האָסט געענטפערט: „עס שפּאַצירען... מען קען זיצען אין דער היים". דאַן האָט עס פאַר מיר בעדייטעט: „ראָזא, עס איז פאַר מיר געגוג שווער צו זיצען מיט דיר אין דער־היים, ווילסטו נאָך, אַז איך זאָל געהען שפּאַצירען מיט דיר"... איך בין זיך מודה, עס האָט מיך דאַן זעהר געערגערט... און וואָס ווייטער ביזטו געוואָרען צו מיר אַלץ קאַלטער און פרעמדער. נור איין טאָג, טראָג־טעדיג וועגען דיר, האָב איך צו מיין גרויסען פערגעניגען דער־פיהלט, אַז אויך דו האָסט פאַר מיר אָנגעוואָרען יעדען ווערטה און רייץ. דאַן ביזטו פאַר מיר אָבגעשטאָרבען... דאָס איז געווען מיין טרויסט און ראַכע...

יאַקאָב האָט אָנגעבויגען דעם קאָפּ און צוטראָגען געפיהרט מיט די פינגער צווישען די האָר. דער פרוי'ס טענות האָבען אויף איהם געמאַכט א מאָדנעם איינדרוק. איין רגע האָט איהם ארומ־גענומען א פלאַמענדער פערלאַנג צו פאַלען פאַר איהר צו די פיס און בעטען אום פערצייהונג. עס איז געווען אַזוי פיעל עלענד און רחמנות אין איהר שטימע און אויסזעהען! נור ער האָט זיך ניט געריהרט פון פּלאַץ. א נאָגענדע גרויע בענקשאַפט און חרטה האָ־בען איהם איבערוועלטיגט. אין זיין זכרון האָט אויפגעלויכטען די ערינערונג וועגען דעם הימלישען תענוג און זיסע ערקוויקענדע שמערצען פון זייערע ערשטע ליעבעס־יאָהרען און מיט א הייסער ברויזענדער כוואַליע האָט זי זיך צוגאָסען איבער זיין מוסקוליעזען

קערפער. און עס האָט זיך געגלוסט גלויבען, אז וואָס ער זעהט און הערט איז אן אונווארהייט, א מיספערשטענדניס, א האלוציניאציע... נור ראָזא׳ס קאלטער ענטשלאָסענער בליק האט צושמעטערט דיזע איינבילדונג און ער האָט מיט א פערשטיקט קול געזאָגט:

— איך האָב תמיד געהאַנדעלט לויט מיינע געפיהלע האָבען מיר דיקטירט. איך האָב ניט געוואָלט בעטריגען ניט דיך און ניט זיך... ווי אזוי איך בין צו דיר געוואָרען גלייכגילטיג, ווייס איך אסור... דאָס איז געשעהן אזוי אונגעריכט און אונבעמערקט... דו האָסט מיך פון דער ערשטער סעקונדע פערבלענדעט מיט דיין שעהנהייט, יוגענד־לוסט און תאוה... און אפילו, ווען מיר האָבען צוזאמען געלעבט נאָכהער... זיינען דיינע אייגענשאַפטען און כאראקטער מיר געווען אונבעקאַנט, אונפערשטענדליך. מיך האָט געצויבערט דיין ווייבליכקייט... און ווען איך האָב...— ער האָט שיער ניט ארויסגעפּלאַצט: „זיך איבערזעטיגט“ נור ער האָט זיך צוריקגעהאלטען און ניט דערערדט.

נור עס איז געווען צו שפּעט. איהר דינער, חלף־שארפער פרויען־אינסטינקט האָט פאר איהר אויסגעפילט דעם זין און אינהאלט פון זיין געדאנק און דאָס האָט אָנגעגריפען איהר צארטעסטע און אָנגעוועהטאָגסטע זעעלען־סטרונע. זי האָט אויפגעברויזט.

פערצאָרענט און עמפּעהרט האָט זי אויסגערופען:

— אך, דו... לומפּ!...

און פונקט ווי די ערד וואָלט זיך א טרייסעל געטהאָן אונטער איהרע פיס, פונקט ווי דונער־קנאַלען וואָלטען אויסגעבראָכען איבער איהר קאָפּ, האָט דאָס מיאוס׳ע וואָרט „לומפּ“ אָבגעקלונגען אין איהרע אויערען. בעהערשענדיג זיך מיט א מערקווירדיגער געשווינדקייט און איבערלייגונג האָט זי זיך דערנעהנטערט צו יאַקאָב׳ען און פערשולדיגט ארויסגעשטויסען:

— ענטשולדיג... עס איז אונגערן... איך האָב קיין

רעכט צו מאַכען דיר... א י י ך פּאַרווירפע.... א י ה ר ענטשולדיגט מיר.... מיר וועלען זיך שיידען גוטע פריינד....

זי האָט פייערליך אויסגעשטרעקט איהר האַנד און ער האָט מיט דאַנקבאַרקייט זי פעסט געדריקט און ערלייכטערט אָבגעזיפצט.

— יאָ, גוטע פריינד.... — האָט ער אויסגעשטאַמעלט.

— אזוי איז גוט! — האָט ראָזא אויפגעשטראַהלט. — איך געה אוועק שוין מאָרגען... אם שפּעטסטען איבערמאָרגען... איך וועל מיטנעהמען נור די זאַכען, וואָס געהערען מיר... איך בין א פעהיגע ארבייטערין און וועל שנעל קריגען א שטעלע. פערשטעהט זיך, אז הערריי'ן נעהם איך מיט זיך...

— הערריי'ן ?!

ביי יאַקאָב'ן האָט פערכאַפּט דער אָטהעם. די אויגען האָבען זיך איהם ווייט אויפגעריסען, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג אַנגעשלאָגען פּנים אל פּנים מיט א שוואַרצער טויטליכער געפאַהר. ציטערענדיג מיט אַלע גליעדער האָט ער איינגעווענדעט:

— ניט הערריי'ן!.... אַלעס, וואָס דו ווילסט, נור ניט הערריי'ן.... דו ווייסט, ווי שטאַרק ער האָט זיך מיר איינגעבאַקען אין האַרצען.... איך וועל דאָס ניט אריבערטראָגען....

— אז—זוי! — האָט ראָזא דורכגעזייעט פול האַס און פעראַכטונג — אזוי....

זי האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ מיט דער איראָנישער מינע פון א עדעלען מענשען, וועלכע זעהט פאר זיך עטוואָס קלייגליכעס, אונפערנינפטיגעס אָדער שפּאָטיש־אונגערעכטעס.

— הערריי'ן ווילסטו איבערלאָזען ביי זיך.... — האָט זי אָנגעהויבען געלאַסען און זאַכט. — פיין.... איך האָב דיר געגעבען אַלעס, וואָס אן ענטוויקעלטע, יונגע און שעהנע מיידעל איז אימשטאַנדע צו געבען אַ מאַן... און דו... איהר מיר? אַה? נור ניט דאָס בין איך אויסען.... וואָס האָב איך פאר דער צייט

פון אונזער צוזאמענלעבען אוספעיעט? גאַר ניט.... אבסאָלוט גאָרניט.... אז ניט הערריי, וואָס איז איצט ווערט מיין גאַנצעס לעבען.... מיין גאַנצעס לעבען....

א פיערטעל שעה איז פערפלאָסען.ביידע האָבען בעזאָרגט און קומערפאָל געטראַכט און געשוויגען.

דאַן האָט יאַקאָב זיך אויפגעשטעלט און האָט ענערגיש א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד.

— ראָזאַ — האָט ער געזאָגט — הערריי איז אַ קלוג געשייט קינד... מיר וועלען איהם אלעס דערצעהלען... זאָל ער אויסוועהלען מיט וועמען ער וויל בלייבען.

— איך שטים איין — האָט ראָזאַ לאַנגזאַם ארויסגעמורמעלט.

— איך בין שלעפעריג...

יאַקאָב איז וואַנקענדיג אריינגעגאַנגען אין שלאָפצימער, האָט זיך אויף גיך אויסגעטהאָן און זיך אריינגעלייגט אין בעט. זיין לעצטער רעיון איז געווען: „הערריי האָט מ י ך ליעב“.

ראָזאַ האָט אויסגעלאָשען די געז און א צובראָכענע זיך א וואָרף געטהאָן אויף דער סאָפע. אין ברוסט האָט איהר געזויגען, געצופט און אין קאָפּ האָט עס שטומפיג געהוזשעט און געהאַמערט. זי איז געלעגען ווי פערשטאַרט. אין שטוב איז געווען פינסטער און פוסט, בלייענע אונדורכדרינגליכע נאַכט-שאָטענס האָבען גע־דיכט איינגעקלאַמערט די בלומענדיגע געשפאָלירטע ווענד.

ראָזאַ האָט צוגעמאַכט די אויגען און איהר האָט זיך גע־חלום׳ט, דאָס זי גרייט זיך צו פאָר אַ ווייטער, גרויסאַרטיגער נסיעה. דרויסען וואַרט אויף איהר א רייכער עקיפּאַזש איינגעשפּאַנט אין א ברענענדיגע טראָיקע, מיט אַן אויסגעפּוצטען בראַוועז באָרדיגען „יאַמשטשיק“ אויפ׳ן קוטש-באָק. זי לויפט ראַפּטום מיט הערריי׳ן

צו דער פֿאַראַדנער טיר, פֿערטשעפּעט זיך פֿאַר׳ן גלעזן טעפּיך און פֿאַלט אום. זי ציטערט, ראַנגלט זיך, וויל אויפשטעהן און איהר פּעהלען אוים כחות. זי וויל רופֿען נאָך הילפֿע, האָט איהר דאָס לשון פֿערראַטהען....

פֿריהמאָרגען, די פֿרעהליכע קופּערנע זון האָט חוצפּה׳דיג אַריינגעשליידערט דורך די אָפֿענע פֿענסטער הויפֿענס בלאַנקע שלאַנגאַרטיגע שטראַהלען. זיי האָבען שטיפֿעריש געשפּרונגען איבער׳ן צימער און זאַרגלאָז, קאָקעטיש זיך געשפּיעלט און געלאַכט....

הערשי איז געזעסען אויף זיין בעטעל אין אונטער־העמדעל און האָט געזשמורעט די אויגען פֿאַר דער פֿינקלענדער ליכטיגקייט, וואָס האָט איהם אין גאַנצען איינגעטונקט.

נעבען איהם האָט געקניעט בלייך און מאַכטלאָז די מוטער. אַן א זייט איז א נידערגעשלאָגענער געשטאַנען יאַקאָב.

— פֿערשטעהסט, הערשעלע.... הערשעלע, — האָט ראָזא שלוכצענד געהערט און טרערען האָבען געטריפֿט איבער איהרע פּולע, ווייסע באַקען — מאַמאַ דאַרף אוועקגעהן פֿון פּאַפּאַ.... מאַמאַ און פּאַפּאַ מוזען זיין בעזונדער.... דו קענסט עס נאָך ניט בעגרייפֿען.... ווערסט ווערען עלטער, וועסטו פֿערשטעהן.... מאַמאַ געהט אוועק... ווילסטו בלייבען מיט פּאַפּאַ?...

דאָס קינד האָט געענטפֿערט תמימות־דיג:

— מאַמאַ, ניט געהן.... איך ליעב מאַמאַ....

— מאַמאַ מוז געהן.... מ׳קען ניט אַנדערש.... — האָט די מוטער געזוכט איהם צו ערקלעהרען. אין דעם זיבערען טאָן פֿון איהר שטימע האָט הערשי פֿערנומען עטוואָס געפֿעהרליכעס... ער האָט זי דערשראָקען אָנגעכאַפּט פֿאַר דעם אַרבעל.

— איך לאָז ניט, מאַמאַ.... איך לאָז ניט....

ראָזא האָט דורך טרערען זיעגפּול און צודרינגלעך געקוקט אויף איהר מאַן. יאקאָב האָט פּערשצעמעט מיט די צייהן און האָט ארויסגעפּליסטערט ווי צו זיך אליין:

— איך האָב פּערשפּיעלט....

און זיך אומקעהרענדיג צום זוהן, האָט ער פּערצווייפעלט געזאָגט:

— הערריי וועט זיין מיט דער מאַמאַ.... דער פּאַפּאַ וועט ניט מעהר יעדען טאָג זעהען הערריי'ן.... ניט מעהר זיך הלובען מיט איהם....

ער האָט דאָס קינד היים צוגעדריקט צו זיך, א קוש געטהאָן אין די ליפּען און געשומעז ארויסגעהן.

— פּא־פּא!!

א קינדיש קויל האָט ווי דער קנאַק פון א דינער נאָסער בייטש דורכגעשניטען די לופט. יאקאָב האָט זיך אָבגעשטעלט ווי צו־געשמידט צום אָרט.

— קום דאָ, פּאַפּאַ... קום...

הערריי האָט זיך געריסען פון דער מוטערס אָרעמס און האָט ווילד געקלאַפּט מיט די באָרוויסע פיס אָן דעם אייזערנעם ווענטעל פון בעט. זיין שעהן, רונד פּנים'על האָט זיך אויסגעקרימט פון צער און אויפרעגונג און אין די קלוגע קאָרע אויגען האָבען גע־בלישטשעט די טרערען.

ווען יאקאָב איז צו איהם צוגעגאנגען, האָט איהם הערריי צו־געצויגען און אוועקגעזעצט נעבען זיך.

יאקאָב האָט זיך אריבערגעבויגען און האָט איהם דורשטיג געקושט אין די האָר און אין נאַקען. ער האָט אין זיין בערוישונג

זיך צוגעריהרט מיט די ליפען צו ראָזא'ס געזיכט. זי האָט מיט שרעק און עקעל זיך אָבגעשאָקעלט פון איהם אזוי, דאָס ער האָט אזש אויפגעשוידערט.

ביידע האָבען פערשטאַנען, דאָס איצט האָט עס גענומען א סוף צו זייער פערזענליכען נחת און גענוס, אז דיעזער אונשולדיגער נפש, וועמען זיי האָבען געמיינזאם בעשאפען, וויל זיי ניט אוועקלאָזען פון זיך, און זיי האָבען פיינליך פאַרגעפיהלט דאָס פאר זיי עפענט זיך א נייעס לעבען, פול מיט זעלבסט־אויפאָפּפערונג און זאָרג און איבערגעבענהייט פאר דיעזען קליינען מענשען — די פרוכט פון זייער ליעבע און אונגעצאַהמטע ליידענשאַפטען. און מעהר, אלס אירגענד זוען, זיינען זיי איינס פאר דעם צווייטען איצט געווען פרעמד, איבערדריסיג און אונערטרעגליך....

שפּעט ביי נאכט

ווען דער פערשטויבטער רעסטאָראַן־זייגער האָט הילכיג אויס־געקלונגען 12 אוהר, האָט מאַקס רובינסקי זיך אויפגעהויבען פון שטוהל און ענטשלאָסען געזאָגט:

— נו, איך גלויב, שוין צייט אהיים צו געהן.

ארום דעם טישעל, וואו ער האָט געמיטהליך פערבראכט ביים טאסע קאפע, זיינען געזעסען נאָך צוויי מענער, מיטעל יעהריגע, בלאַסע, מיט פיבעריש־בלישטשענדע אויגען.

— ווּעסט נאָך צייט האָבען זיך אָנצושטיפען מיט דער אי־דענע... — האָט איינער, וואָס האָט אויסגעזעהן בעזאָנדערס מיעד און קרענקליך, ציניש ארויסגעבורטשעט און האָט פויל א גענעץ גע־טהאָן. — זיץ נאָך א ווײלע.

רובינסקי האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין.

— מיר ווערט נודנע דאָ, — האָט ער געזאָגט.

אין רעסטאָראַן, וואו די עלעקטרישע לאָמפּען האָבען געבלענ־דעט די אויגען מיט זייער אויסערגעוועהנליך־שאַרפען שיין, איז געווען א טומעל און א שטיקעניש. מענשליכע קולות, מאַטע, אָב־געריסענע און צוהיצטע, האָבען זיך געטראָגען אין דער לופטען, זיך בעהעפט און צוזאַמענגעפלאָכטען אין אן אונדייטליכען, בעטוי־בענדען גערויש... מענער און פרויען, פערשוויצטע, אויפגערעג־

טע, האָבען דעבאַטירט, געשטריטען, געלייזט גרויסע וועלט־פּראָ־
בלעמען און פילאָסאָפישע ספיקות.

רובינסקי האָט זיך איילענדיג אָבגעזעגענט מיט זיינע בעקאַנ־
טע, האָט בעצאָהלט פאַר זיין צובייסען און איז שנעל ארויסגעגאַנ־
גען אויפ'ן גאַס.

ער האָט געשפּרייזט שטיל און לאַנגזאַם, און אַ בעשעפענים,
אַ שוואַרצע, פאַרמלאָזע און שרעקליכע, האָט זיך געבלאַנקעט און
געשליידערט פאַר זיינע פיס. די בעשעפענים האָט זיך ווי אַ בלוט־
לאָזער גרייז צוזאַמענגעשרומפּפען, איז איהם פערלאָפען דעם וועג,
האָט זיך געטרייסעלט, געבוקט און פּלוצלונג האָט עס זיך אויסגע־
גליכען, אויסגעשטרעקט שטאָלץ און מעכטיג און האָט איהם נאָכ־
געיאָגט טריט נאָך טריט...

ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז זיין אייגענער אומגעלומפּער־
טער שאָטען, וואָס לויפט איהם אַזוי נאַריש נאָך... דאָך איז ער
ניט געווען בכח צו דערשטיקען אין זיך אַ געפיהל פון שרעק, וואָס
האָט גרויזאַם דורכגענומען זיין גאַנצעס וועזען. עפּעס איז געווען
אַזוי פערדראָסיג און ביטער צו דיינקען, אַז קיינמאָל קען דער מענש
זיך ניט שיידען פון זיך זעלבסט, פערשווינדען, פערגעסען זיך;
אימער־צו און איבעראַל פערפאָלגט דעם מענשען עטוואָס שוואַר־
צעס און געהיימניספאָלעס, וואָס האלט איהם פעסט מיט שטע־
כיגע אייז־קאַלטע פינגער און שרייט צו איהם סאַטאַניש: „האַ־האַ,
בן־אדם, דו ביזט נאָך ניט געשטאָרבען!"....

רובינסקי איז געווען צורודערט און מרה־שחורה'דיג. העסלי־
כע רעיונות האָבען געגאַגט און געטאָטשעט זיין עמפּפינדליכע
נשמה. איהם האָט זיך געדאַכט, דאָס זיין גאַנצער לעבען איז גע־
ווען אַ פּרוכטלאָזער הו־האַ, אַ דורכפאַל, דאָס ער איז פונקט אַזוי
אונוויכטיג און איבעריג, ווי די אַלע פּלוידער־זעק, מיט וועלכע ער
טרעפט זיך צוזאַמען יעדע נאַכט, נאָכדעם ווי ער ווערט פערטיג
מיט זיין ארבייט.

איהם האָט אונאויפהערליך געצויגען צו אונטערנעהמען עט־

וואס גרויסעס, צו זיין אין א שעהנער, גייסטרייכער סביבה. נור אַרום איהם איז אַלעס געווען אזוי שלעפעריג און גלייכגילטיג...
ער איז געווען פערצווייפעלט, און זיין פערצווייפלונג האָט ער דער־טרונקען אין אַ ים פון נאַרישע, צוועקלאָזע געשפּרעכען, וואָס זיי־נען שטורמדיג געפלאָסען ביז שפּעט אין דער נאַכט. נור אינערליך טיעף, טיעף אין זיין זעעלע האָט זיך געהויבען א זודיגער פראָטעסט געגען דעם טעמפּען, אינהאַלטסלאָזען און געמיינעם לעבען, וואָס זויגט ביסלעכווייז דעם מארך פון די ביינער און פערשטומפּפט, טוידטעט זיין גייסט און געהירן.

און איהם האָט זיך ברענענד געגלוסט איצט אוועקצופליהען ערגעץ הויך, הויך, ארויסרייסען פון ברוסט די צו־וועהטאָגטע, בלו־טענדע הארץ און נאָכהער צוריינען, פערלאָרען געהן אין די סודות־פולע ספערען פון וועלט־אַל. נור אַ בעשעפּעניס אַ שוואַרצע, שטור־מע און דערעסליכע האָט זיך איינגעקלאַמערט אין זיין גוף און איז איהם נאָכגעקראָכען, נאָכגעשפּרונגען און איהם פון אויג ניט ארויסגעלאָזט...

— — — — — — — — — — —

רובינסקי האָט שווער ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן דריטען שטאָק, האָט ביי דעם דונקעלען שיין פון א שוועבעלע, וועלכע ער האָט אָנגעצונדען, אויפגעשלאָסען די טהיר, און איז א פערוואונדערטער געבליבען שטעהן. אין פאָדער־צימער האָט דער גאז־ברענער העל געפלאַקערט. האָט עטוואס פּאסירט?

געוועהנליך, ווען ער פלעגט זיך צוריקקעהרען ביינאַכט אהיים, איז אין הויז געווען שטאָק־פינסטער. די ווייב און דאָס קינד זיי־נען געווען פערזונקען אין שלאָף.

רובינסקי איז פאַרזיכטיג, אויף די שפּיץ פינגער, אריינגע־גאַנגען אין שלאָף־צימער און דאָרט האָט איהם בעגעגענט דיזעלבע אונערוואַרטעטע ליכטיגקייט. דאָס קינד איז געשלאָפען רוהיג און פריעדליך, נור די פרוי זיינע איז געזעסען אויפ׳ן בעט, האלב נאַ־

קעס, די האָר צושויבערט, די הענד צוזאַמענגעלייגט אויף דער ווייַסער שטייפער ברוסט און פון איהרע ברייט־געעפענטע אויגען האָט ארויסגעגלאַנצט אַ ווילדע שנאה.

— וואָס איז מיט דיר, ליזאַ? — האָט דער מאַן צושראָקען געפרעגט.

קיין ענטפער.

— ליזאַ?! — זיין שטימע האָט אויפגערעגט געציטערט. — וואָס איז געשעהען?

ער האָט אונזיכער זיך דערנעהנטערט צו איהר, וועלענדיג זי אומארמען, צולאַשצען צו זיך, נור ליזא האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך גראָב, מיט ווידער־ווילען און משונה־הויך ארויסגעשריען:

— געה אוועק פון מיר!.. געה אוועק!!...

— ליזאַ, וואָס איז מיט דיר? — האָט ער אויסגערופען, פערלירענדיג די געדולד.

דאָס אינגעלע האָט אויפגעוואַכט, האָט אויסגעשטרעקט בעטענדיג די הענדטעלעך און מיט אַ וויינענדיגער שטימע ארויסגערעדט:

— מיאַ־מיאַ...

די מוטער האָט זיך צוטראָגען אריבערגעבויגען, האָט דאָס קינד זאָרגפעלטיג צוגעדעקט, איינגעוויעגט און האָט זיך רוישלאָז ארויסגערוקט פון שלאָף־צימער.

רובינסקי איז איהר נאָכגעגאַנגען. אין עס־צימער האָט ער זיך אנידערגעזעצט אויף דער לעדערנער סאָפע און האָט אונטערגעשפאַרט מיט די עלענבויגענס דעם קאָפּ. וואָס איז פּלוצלונג געוואָרען שווער, היים, ווי אָנגעגאָסען מיט צושמאָלצענע בליי. און זי, די ווייב, האָט ארומגעפּלאָנטערט איבער׳ן צימער הין און צור־

ריק, ווי אַ צורייצטע בייזע חיה, וואָס וויל דורכברעכען די ווענד פון איהר שטייג.

— דו וואונדערסט זיך, האַ? — האָט ליזאַ די ערשטע אָנ־געפּאַנגען אין אַ נערוועזען, אויפגערעגטען טאָן. — נעבעך, דו ווייסט גאָר נישט...

— ליזאַ, בעדענק זיך... — האָט רובינסקי איהר פערצאַמט דעם וועג. — אויב דיך ערגערט עפּעס, אויב דו פערלאַנגסט עפּעס, דאַן דערצעהל ווי אַ מענש, קלאָר, ניכטער, און ניט ווי אַ... משוגענע...

— אַ משוגענע, אַ משוגענע... — האָט ליזאַ מיט אַ שטעי־כיגען געלעכטער אונטערגעכאַפּט. — מילא, זאָל זיין אַזוי... מאַקס, איך קען דאָס מעהר ניט אריבערטראָגען... איך קען ניט... איך קען ניט מעהר שטיקען אין זיך...

— דו האָסט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט, אַז דיר איז שלעכט...
— האָט דער מאַן ברוגז געזאָגט.

— נאַטירליך, איך האָב זיך צוריקגעהאַלטען... איך האָב אַלץ געהאָפּט, אַז דו וועסט עס זעלבסט איינזעהן...

זי איז צוגעטראָטען צו איהם אַזוי נאָהענט, דאָס איהרע ענט־בלויזטע, פולע ברוסטען האָבען בעריהרט זיין ראָק, און האָט איהם אַ וואָרף געטהאָן גלייך אין געזיכט:

— בין איך דיין שקלאַווין? זאָג, בין איך דיין שקלאַווין?!.

ער האָט זיך פערלאָרען. די אַטאַקע איז געקומען אַזוי פּלוצ־לינג און אונערוואַרטעט. ער האָט געפיהלט, אַז ער איז עפּיס שול־דיג געגען דער פרוי, אויך האָט ער געפיהלט, אַז זי בעגעהט געגען איהם אַן אונגערעכטיגקייט און האָט ניט געוואוסט אויפ'ן מאָמענט וואָס צו טהאָן. ער איז געשטאַנען אַ בלייכער און דערשלאָגענער און האָט פיבעריש געריבען מיט די פינגער די ווינקעל־שטערען.

— ליזאַ, — האָט ער ענדליך בעטענדיג געזאָגט, — איך וויל,

אַז דו זאָלסט ניט דערמאָהנען קיין שקלאַווערייּ. עס איז ניט שעהן... דו ביזט אַ פרייער מענש...

— ניט אמת! — האָט זי איהם צאָרנדיג אונטערבראָכען. — אפשר דו ביזט איצט פריי, אָבער ניט איך. זייט איך האָב דאָס קינד געבאָרען בין איך אַ שקלאַווין... איך בין פערשפּארט ווי אין אַ געפענגעניס... און אנשטאָט מיר צו העלפען, וואלגערסטו זיך ארום אין פערשיעדענע רעסטאָראַנען און קאַפּיינעס... איך בלייב דעם גאַנצען מעת־לעת אַליין אין שטוב... איך פרוף אומ־זיסט שטיפען, לאַכען... איך וועל אַזוי פון זינען ארונטער...

— וואָס־זשע, דו ווילסט פיליכט, אַז איך זאָל ניאַנטשען דאָס קינד, וואשען דאָס געפעס, שייערען די פּאָדלאָגע? ! — האָט ער איראָניש איבערגעפרעגט. — געוויס, וואָס נאָך האָב איך צו טהאָן?.

— ניט דאָס... — האָט זי האסטיג איינגעווענדעט. — איך וויל ניט זיין כסדר אַליין... איך בין אַ לעבעדיגער מענש.

רובינסקי האָט אינערליך צוגעגעבען, אַז זי ליידעט און מו־טשעט זיך אונגעהויער, נור עס האָט זיך אין איהם ניט דערוועקט צו איהר קיין רחמנות. ער איז פערבליבען גלייכגילטיג און קאַלט.

ער האָט אויסגעמידען די הויז, ניט מחמת ער האָט פיינד גע־האַט ליזען און די קינדער. ניין, אָפּט האָט די פרוי מיט איהר ערדעלען פּנים און שלאַנקען, בויגזאמען קערפּער ארויסגערופען ביי איהם אַ צערטליכע ליעבשאפט. און דאָס קליינע עופה'לע מיט זיין אונבעהאָלפענקייט און ווייסער אונשולדיגקייט איז ביי איהם געווען איינגעבאקען טיעף אין הארצען.

עס איז אָבער אין שטוב אַלעס, די ווענד, דאָס מעבעל געווען אַזוי לאַנגווייליג, פּארבלאָז און איינטעניג, און האָט אויף איהם אָנגעוועהט אזא דריקענדע אומעדיגקייט, דאָס ער איז איינפאַך ניט געווען אימשטאַנדע אויסצוהאלטען. און צייטענווייז איז די פרוי געוואָרען אַזוי איבערדריסיג! איז ער געלאָפען אין רעסטאָראַן.

איהם האָט איצט איבערוועלטיגט אַ געפיהל פון טיעפער בע־ליידיגונג און איינזאמקייט. עס האָט פערדריקט זיין האלז...

— וואָס האָסטו צו מיר? — האָט ער פּערצווייפעלט אויס־געשריען.

ער האָט פערביסען ביז׳ן בלוט די ליפּען, האָט משונה׳דיג צו־זאמענגעצויגען די דונקעלע, געדיכטע ברעמען און האָט ארונטער־געלאָזען זיין קרעפטיגען פויסט איבער׳ן טיש. עס האָט זיך דער־הערט א קראַך... דאָס איז אַ גלאָז אראַבגעפאַלען און איז אויף פּיצלאַך צושמעטערט געוואָרען.

און גלייך נאָכדעם האָט אַ קינדיש שטימעלע יאָמערליך ארויס־געקרעכצט:

— מיא־מיא— —אַ...

ליזא האָט זיך דערשראָקען, זיך אַ הויב געטהאָן און איז שווייגענדיג אריינגעלאָפען אין שלאָף־צימער.

רובינסקי האָט אויסגעלאָשען די געז־ליכט און האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף דער סאָפע. ער האָט זיך געפיהלט צוטרייסעלט און אונבעהאָלפען, ווי איינער וואָס שווימט אויף אַ שטיק אייז אין אן אונענדליכען, ברויזענדען ים און פלוצלונג גליטשט ער זיך ארונ־טער אין וואַסער... ער האָט געפיהלט, אז צווישען איהם און זיין פרוי איז מיט איין מאָל אויסגעוואַקסען אַ שווארצע, קאַלטע וואַנד, וואָס וועט מאַכען דאָס לעבען נאָך עלענדער און טרויעריגער. ער האָט מיט זיין קלאַפּ אין טיש אויסגעלאָשען אין דער פרוי דאָס לעצטע, שוואַכע פייעריל, וועמעס שטראהלען עס זיינען נאָך גע־ווען ביכולת צו ווארימען זיין נשמה.

וועט זי איהם מוחל זיין? וועט זי?.. איהם האָט בעהערשט אַ כעס, אַ פערראַכטונג צו זיך זעלבסט... און ליגענדיג אזוי, האָט זיך איהם געדוכט אז ער געהערט דאָ ניט... ער איז דאָ איצט אַ פרעמדער.

אן אימה׳דיגע שטילקייט האָט זיך אין צימער צוגאָסען. די פינסטערניס האָט מיט פייכטע פלינלען איהם געפּאַכעט אין פּנים אריין און זיינע אויגען פערשלאָסען.

דער פריינד

באגינען. די גרויע פינסטערניש צורינט ביסלעכווייז אין׳ם ים ליכטיגקייט, וואס צוגיסט זיך איבער׳ן הימעל. ווייכע, קאלי־רען־רייכע שטראהלען שווימען רוהיג אין דער לופטען. שטיל. דער טאג וואכט לאנגזאם אויף.

סאניע שטעהט אויף, ציהט שלעפעריג אויס די גליעדער, פלעכט פונאנדער די לאנגע, געדיכטע צעפ און א בארוויסע, אין איין נאכט־העמד, געהט זי אויף די שפיץ פינגער אריין אין צווייטען צימער.

גרישא שלאפט. ער ליגט אין א ווייך, ברייט בעט, דער קער־פער אויסגעשטרעקט, דער קאפ הויך פעררויסען צום סופיט. זיין קאפ איז בעדעקט מיט א וואלקען געקרויזעלטע, דונקעל־זיידענע האר און אויף דעם שעהנעם געזיכט איז פערקיהלט א מרה־שחורה׳־דיגער שמייכעל.

זיין לינקע האנד העננט נאכלעסיג ארונטער פון בעט. די פרוי בויגט זיך לאנגזאם איין און בעריהרט מיט איהרע טרוקענע דינע ליפען דעם מאן׳ס האנד.

— טהייערער מיינער.... — מורמעלט זי פול ליעבע — טהייערער, איינציגער פריינד מיינער....

זי קושט פלאמענד זיין קאלטען הויכען שטערען און דריקט צו איהר פנים צו זיין געזונדע ברוסט.

גרישא'ן ווערט שווער צו אטהעמען. ער זיפצט טיעף אָב, גיט זיך אַ האסטיגען טרייסעל און עפענט צומישט די אויגען.

— דאָס בין איך. גרישאַ — רעדט סאָניא, לאַכענדיג — איך אליין....

גרישאַ קוקט אויף איהר, פערקרימט זיך אונצופריעדען און גענעצט.

— אויפגעוועקט! צו וואָס... — האָט ער אַ ברום געטהון.

סאָניא רוקט זיך פאַרזיכטיג אָב פון איהם.

— ענטשולדיג — זאָגט זי צערטליך.— איך האָב ניט גע־מיינט דיך אויפצורודערען....

שטיל. גרישאַ הערט זי ניט. ער איז ווידער פעסט איינ־געשלאָפען.

„ער איז אזוי נערוועז" — טרויסט זיך סאָניא זעלבסט.

עס ווערט שפעט. סאָניא וואשט זיך גיך ארום, טהוט זיך אָן, עסט אָב אַ מאָגערען פריהשטיק און פאָהרט צו דער ארבייט. זי איז בעשעפטיגט אלס „פאָרליידי" אין אַ רייכער פרויען־קליידער פאבריק. זי איז פלינק, פעהיג, פערטראָגט זיך צו איהר מלאכה מיט אַ טיעפען ערנסט און פערדיענט גוטע שכירות.

די בעלי בתים שעצען זי זעהר הויך. די מיידלאך, וואָס גע־פינען זיך אונטער איהר אויפזיכט, רעספעקטירען און ליעבען זי.

דעם גאנצען טאָג דרעהט זי זיך ארום אַ שטומע און אומעדי־גע. אויסער דער ארבייט אינטערעסירט זי זיך מיט גאָרניט. זי האַלט זיך אָבגעזונדערט פון אַלעמען און שווייגט. טראַכט און שווייגט.

סאָניא קעהרט זיך צוריק אהיים ארום 6 דעם זייגער אין אבענד.

זי רוימט בריה׳ש אויף דאָס הויז, ברענגט אַלעס אין געהעריגער אָרדנונג.

גרישאַ זיצט ביי זיך אין צימער. ער לעזט עפּעס א דיקען בוך און איז פערזונקען אין מחשבות. געוויסע שטעלען פון בוך שרייבט ער איבער אויף פּאַפּיער.

סאָניא פער׳גנב׳עט זיך ביי איהם הינטער׳ן רוקען און שליסט איהם אונגעריכט איין אין איהרע אַרעמס.

גרישא האָט איהר ניט בעמערקט און זיך דערשראָקען.

— הא... ס׳אַרא נאַרישקייטען! — ברומט ער בייז.

סאָניא לאַכט גוטמוטהיג.

— נישט־קשה, עס וועט דיר ניט שאַדען — מאַכט זי שטי־פעריש און גלעט שטיל איהם דאָס געזיכט.

גרישא לייגט אוועק אַן אַ זייט דאָס בוך, בויגט פויל אויס דעם רוקען און פערזשמורעט די אויגען. ער קוקט אויס אומעדיג און מיעד.

— איך ווער ווי פערגליווערט זיצענדיג — זאָגט ער נאָך א קורצען שטילשווייגען.

— דאָס מוז זיין אזוי לאַנגווייליג! — ענטפערט סאָניאַ מיט־פיהלענד — רק זיצען, זיך ניט ריהרען פון אָרט און לייענען, ליי־ענען.... דיר מוז אזוי שווער זיין דאָס לערנען.... ניין אפשר?

גרישאַ וויל אויסמיידען דיזען געשפּרעך און ער פרעגט פּלוצלונג:

— ווי איז דיר היינט געגאַנגען אין שאַפּ?

אויף זיינע ליפּען בעווייזט זיך א געצוואונגענער שמייכעל. די ווערטער רייסען זיך ארויס ביי איהם גיך, אונזיכער.

— גוט, ווי אימער — זאָגט סאָניא פרעהליך. — איך מטשע־

פע ניט קיינעם און קיינער טשעפּעט מיך ניט. אי דער באַס אי די ארבייטערינס זיינען מיט מיר צופריעדען....

— זעהסטו, דאָס וואָס דער באַס איז פון דיר צופריעדען, איז פאר די ארבייטערינס גראָד קיין מעלה ניט.. — שפּאַסט גרישא און דריקט קרעפטיג איהר האַנד.

סאָניא מאכט א ברוגז'ען אַנשטעל, ציהט צוזאמען די ברע־מען און קעהרט אַב דעם קאָפּ.

— דו ביזט אַ שלעכטער.... — מוסר'ט זי איהם ווייך. — איך בין די מיידלאך איבערגעבען מיט'ן גאנצען הארצען....

זי שטרענגט זיך אָן ארויסצורייסען די האַנד.

גרישא ציהט איהר מיט געוואלד צו. זי פּרופט זיך וועהרען. די האָאר פאַלען איהר פונאנדער און אַ מאַכטלאָזע לאָזט זי זיך ארונטער צו איהם אויפ'ן שויס.

גרישא דריקט איהר פעסט צו זיך און קושט היים איהר אין די ליפּען.

פּלוצלונג צוקט איהם דורך אַ קאַלטער שוידער. ער דער־שפּירט, דאָס סאָניא פערמאָגט ניט פאר איהם קיין רייץ, קיין אנ־ציהונגס־קראַפט, דאָס זי איז איהם אונאנגענעהם, איבערדריסיג... איהם האָט ארומגעכאַפּט אַ גליהענדער וואונש אויפצודעקען פאר איהר דיזען שרעקליכען סוד. נור ער האָט גלייך דערשטיקט אין זיך דיזען וואונש.

מיט זיין געוועהנליכער קאַלטבלוטיגקייט און געלאַסענהייט האָט ער די פּרוי אָבגעשטופּט פון זיך און גענומען רוהיג אריינבלי־קען אין בוך.

סאָניא האָט איהם מיט פערוואונדערונג אָנגעקוקט. שוין־זשע האָט זי איהם מיט עפּעס דערצאָרענט? איהר הארץ האָט אָנגע־פאנגען האסטיג צו שלאָגען.

די הויז־ווירטהין איז אריינגעקומען, האָט געגרייט צום טיש און אויסגעשטעלט די געריכטען.

— לאָמיר געהן עסען, גרישא — האָט סאַניא טרוקען ארויס־געבראכט — איך בין הונגעריג.

גרישא האָט, ניט רעדענדיג, זיך געזעצט צום טיש און מיט אפּעטיט גענומען פערצעהרען די שפּייז. ווען מען האָט איהם צו־לעצט אונטערגעטראָגען אַ הייסע גלאָז טהעע צו פערטרינקען, האָט ער בייז ארויסגעבורטשעט:

— מ'וואָלט געמעגט מאכען קאַפע!

סאַניא האָט וועניג געגעסען, איהר איז בעפאַלען אַ שווערע מיעדקייט, אַ שלאָפּעריגקייט און זי האָט זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפע אָברוהען.

זי האָט זיך דערפיהלט זעהר אָבגעשוואכט. זי האָט ארונ־טערגעוואָרפען פון זיך דעם שטייפען קאָרסעט, האָט ארונטערגע־נומען די שיך מיט די הויכע אָבזאצען און אָנגעטהאָן אַ לייכטע פּאָאָר שטוב־טופליעס.

— גרישא, ווארום פּייניגסטו מיך אזוי?.. — האָט זי פּלוצ־לונג אויסגעשריען מיט אַ שטימע פול ליידען. — ווארום, הא?.. איך טהו פאר דיר אלעס וואָס איז נור אין מיינע קרעפטען. איך שטעל זיך ניט אָב פאר קיין שום זאך... און וועלכע בעלוינונג קריג איך דערפאר? וועלכע פריינדשאפט צייגסטו מיר דאָס ארויס?..

איהר געזיכט האָט זיך שמערצהאפט צוזאמענגעקאָרטשעט און די אויגען האָבען זיך פערצויגען מיט אַ נעבעל.

— האָסטו מיך ניט ליעב מעהר, גרישא? — האָט זי פער־צווייפעלט געפרעגט.

גרישא, אַ בלייכער און צושראָקענער, האָט זיך אוועקגעזעצט

נעבען איהר אויף דער סאָפא און ארויפגעלייגט איין האנד איהר אויפ'ן קאָפּ.

— סאָניא, דו קרענקסט מיך.... — האָט ער אָנגעהויבען אין אן אויפגערעגטען טאָן. — האָב איך ווירקליך פערדיענט די־זע פּאָרוואירפע? איז מעגליך צו ערוואַרטען פון אַ מענשען, אַז ער זאָל אימער זיין לוסטיג?.. איך קען עס ניט. אָבער ליעב האָב איך דיך.... און איך בין דיר אימער דאנקבאר פאר דיין שטיצע, דיין געלד....

סאָניא'ן האָבען זיינע ווערטער טיעף געריהרט. עפּעס האָבען זיי איהר אָנגעפילט מיט אזא מאָדנע רחמנות'דיגקייט און חרטה.

— ד אָ ס דארפסטו ניט דערמאָנען, טהייערינקער... — זוכט זי איהם צו טרייסטען, — אינטימע פריינד רעכענען זיך ניט מיט אזעלכע קליינינגקייטען.

זי דענקט נאָך אַ ווײלע און זעצט פאָרט:

— — וויסט, גרישא, העלפענדיג דיר, העלף איך אייגענט־ליך זיך זעלבסט. ווען דו וועסט ווערען אַ דאָקטאָר, וועט מיין צו־קונפט זיין בעזאָרגט.... מיר וועלען לעבען אזוי צופריעדען, אזוי גליקליך.... און זיך ליעב האָבען, שטארק, שטארק ליעב האָ־בען!.. — ענדיגט זי בעגייסטערט.

גרישא האָט געשוויגען און נערוועז געבראָכען זיך די פינגער. ער האָט געקוקט אויף סאָניא'ן מיט אן אומעדיגען שטארען בליק און געטראַכט, דאָס ער וועט דיזע מיידעל פערלאָזען. נאַטירליך, ער מוז זיך בעהערשען און אָבוואַרטען אַ געוויסע צייט. עס איז דאָך אזאַ רחמנות אויף איהר. און דאן טאקי מוז ער פריהער ארויסקריגען דעם דיפּלאָם.... זאָל זי אַלזאָ נאָך אַ שטיקעל צייט זיין גליקליך. נור פערלאָזען וועט ער זי.

איהר מאָגערע, איינגעבויגענע געשטאַלט און איהר פּראָסט־קייט זיינען פאר איהם מיט יעדען טאָג געוואָרען אונערטרעגליכער.

גרישאַ האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון אָרט, האָט העפ־טיג צוזאַמענגעדריקט דעם שטערען און שווער אָבגעזיפצט.

— איך דאַרף עפּעס אָנשרייבען... — האָט ער מוטהלאָז אַרויסגעשטאַמעלט, און איז וואַנקענדיג אַריין צו זיך אין צימער.

סאָניאַ האָט זיך בעקוועם אויסגעצויגען און גליקליך געשמייכעלט. ווען זי האָט פער׳חלום׳ט צוגעשלאָסען די אויגען, האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט אַ זאָרגלאָזער, שטראַהלענדער לעבען פון ליעבע און גענוס.

נאכ'ן טהעאטער

דער אָרקעסטער וואָס האָט געשפּיעלט אַ טרויעריגע אוּווער־טורע פון אַ אידישער אָפּערעטאַ איז פערשטומט געוואָרען. דאָס געלע מאַטע ליכט איז אויסגעלאָשען געוואָרען און דער פאָרהאַנג איז אויפגעגאַנגען ווי אַ שווערער וואָלקען. אַ רוישענדער נערוועזער ציטער האָט זיך דורכגעטראָגען אין טהעאטער און דער עולם איז אַנטשוויגען געוואָרען, געשפּאַנט, מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם.

גראָס איז געזעסען מיט זיין יונג ווייבעל אין דער פאָדערשטער רייהע אויף'ן ערשטען באַלקאָן, די הענד צוזאַמענגעלייגט אויף'ן הויכען בויך, און אַרונטערגעבליקט אויף דער ביהנע. אַ שווערער און דיקער האָט ער זיך קוים אַריינגעשפּאַרט אין זיטץ און איהם האָט פערדראָסען וואָס די אָפּצאָמונגען זיינען אַזוי ענג און אונ־בעקוועם.

— מ'קוועטשט צונויף דעם עולם ווי הערינג — האָט ער אונצופריעדען אַ ברום געטהאָן.

עטהעל אַ יונגינקע, דינע און פרישע ווי דער פריהלינגס־טוי, האָט איינגעבויגען דאָס בלאַנדע קעפּעל און מיט ענטציקונג נאָכ־געפאָלגט יעדען ריהר און קעהר פון די שוישפּיעלער. זי איז געוועזען אויפגערעגט. איהרע בעקלאַך האָבען געפלאַמט און דאָס האַרץ האָט פריידיג געקלאַפּט. היינט איז זי דאָס ערשטע מאָהל געוועזען

מיט איהר מאַן אין אַ „רעגעלע" טהעאַטער. אמת, מיידעלוויז פלעגט זי זיך אמאַהל אריינכאַפּען צו זעהן אַ „שאָו", אָבער דאָס איז אימער געווען אין אַ ביליגען וואַדעוויל־הויז. זי איז געווען אַן ארעמע ארבייטערין וואָס האָט מיט איהרע קליינע פערדיענסטען נאָך בעדאַרפט מפרנס זיין אַ מאַמע אַן אלמנה און צוויי קליינע שוועסטערלעך און זי האָט זיך ניט געקענט פערגינען צופיעל פער־גניגען.

ערשט אַז זי האָט חתונה געהאַט מיט גראס'ן, וועלכער איז געווען אַ „דעזיינער" אין'ם שאַפּ וואו זי האָט געאַרבייט, איז איהר לעבען געוואָרען זיס און שטראַהלענדיג. ער האָט איהר געלאָזט זיך מאַכען פיינע מאָדע'דיגע קליידער און האָט איהר געקויפט טהייערע ציערונג. — אַ היים האָט ער אויסמעבעלירט אַ ליכטיגע, אַ רייכע, און איהר מאַמען האָט ער אויך ניט פערגעסען — גיט איהר יעדע וואָך אויף צום לעבען. וואָס־זשע דען, אויב ניט, וואָלט זי דאָך מיט איהם ניט געהייראַט...

דער ריעזיגער פּראַכטפאָלער טהעאַטער און די שפּאַנענדע פאָרשטעלונג האָבען איהר בערוישט. עס האָט איהר אוועקגעטראַ־גען ווייט פון דער ווירקליכקייט און איהר צאַרטע נאַאיווע נשמה האָט זיך צוזאַמענגעוועבט מיט די פּאַסירונגען אויף דער ביהנע און זי האָט געלאַכט און געוויינט, ווי זי וואָלט ניט געווען אַ צו־שויערין, נאָר ווי עס וואָלט זיך דאָס אַלעס מיט איהר זעלבסט פערלאָפען.

בעזאָנדערס האָט געצויגען איהר אויפמערקזאַמקייט דער העלד. אַ הויכער ברונעט מיט איינדרוקספולע בלישצענדע אויגען. ער איז געווען אַן עהרליכער, גוטהערציגער און אָפּפערוויליגער און איז געווען בערייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר אסתר'קען, זיין גע־ליעבטע. אָבער אַ פּוילישער קאַרדינאַל מיט אַ געגאָלטען פּנים אין אַ רויטען מאַנטעל און אַ מעשענעם צלם אויפ'ן ברוסט האָט בעשלאָסען איהר צו מאַכען פאַר אַ משומדת און איהר געהאַלטען געפאַנגען אין אַ מאָנאַסטיר. אַדאָלף, דער העלד („וואָס פאַר אַ שעהנעם נאָמען!" — האָט עטהעל אַ טראַכט געטהאָן), האָט גע־

שפּונען פאַנטאַסטישע פּלענער ווי אזוי זיין אסתר'קען ארויסצוי־ גנב'ענען. אסתר'קע איז געשטאַנען אויף'ן טהורעם הינטער איי־ זערנע גראַטעס און מיט טרעהרען און זיפצען האָט זי צוגערופען צו איהר בעשערטען, אז ער זאָל איהר ראַטעווען פון גוי'אישע הענד. און אדאָלף האָט איהר געשוואָרען אייביגע טרייהייט און ביידע צוזאַמען האָבען געזונגען אַ סענטימענטאַלען הארץ־רייסענדען דועט און אדאָלף האָט זיך געשלאָגען מיט די פויסטען אין ברוסט און זיך געריסען די האָר פון קאָפּ.

עטהעל האָט זיך אויסגערוכט אז דאָס האָט איהר אימיצער געפאַנגען און פערשלאָסען הינטער אייזערנע גראַטעס און אז אדאָלף ליעבט איהר און רייסט זיך צו איהר. זי האָט אויפגערעגט גע־ אָטהעמט. האָט אין טיעפער התפעלות זיך אויסגעבויגען ווי זי וואָלט זיך געגרייט ארונטערצושפּרינגען צו איהם און האָט ארויס־ געשעפּטשעט:

— אהה, איז דאָס גוט!

— וואָס? — האָט גראָס אומגעדרעהט צו איהר דעם קאָפּ.

עטהעל האָט איהם ניט געהערט. בעהערשט פון נייע אופּ־ רעגענדע געפיהלען, און ניט געקענט אָפּרייסען איהרע אויגען פון אדאָלף'ס שלאַנקער פיגור. זיין געשטאַלט איז אַלץ טיעפער אריינ־ געדרונגען אין איהר הארצען. זיין קלינגענדע פול־ברוסטיגע שטי־ מע האָט אַלץ מעכטיגער געהילכט אין איהרע אויערען און געוועקט אן אונדייטליכען ליידענשאַפטליכען ציטער.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אראָפּגעלאָזען און ווידער אויפגעהוי־ בען. די עלעקטרישע לאָמפּען האָבען געפינקעלט און זיך געלאָשען. אַקטען האָבען זיך געטוישט. און זי איז געזעסען אונבעוועגליך, פערזונקען אין אַ געהיימניספאָלען כישוף און געטראַכט וועגען אדאָלף'ן וואָס איז אזוי שעהן און העלדען־מוטהיג. גראָס איז אין די אנטראַקטען ארויסגעגאַנגען אין די לאָבי רויכערען זיין סיגאַר און ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס זיין ווייבעל איז אזוי פעראינטערעסירט אין דער פאָרשטעלונג. אין לעצטען אַקט, אז

אסתר׳קען גיט זיך נאָך איבערמענשליכע שווערינקייטען איין צו ענטלויפען פון איהר געפאַנגענשאַפט און אַדאָלף א יובעלגדער טראָגט איהר אַוועק אין זיינע פעסטע אָרעמס, און דער רויטער קארדינאַל שיקט זיי נאָך זיין מאַכטלאָזע קללה, האָט זיך ביי עטהלען ערוועקט אַ שמערצליכע אייפערזוכט און האַס צו אסתר׳־ קען און זי האָט דערפיהלט א שטילען צאָרן אויף אדאָלף׳ן, ווי ער וואָלט איהר מיט עפּעס בעטראָגען...

אין דער׳היים האָט גראָס ארונטערגעוואָרפען דאָס רעקעל, דעם זשילעט און די שיך, האָט זיך אויסגעצויגען אויפ׳ן „דעווענפאָרט“ און פעררויכערט אַ סיגאַר. די פענסטער זיינען געווען אָפען און די מילדע זאנפטע פריהלינגס־נאַכט האָט זיך געשפּארט אין שטוב אריין. אַ פייכטער ווינטעל האָט זיך געגאָסען כוואַליען־ווייז און איהם איינגעהילט און אָנגעפילט מיט גלויבען און גליק. די שווע־ רע פּלושענע מעבעל־שטיקער און די פארביגע לאַנדשאַפטען אויף די ווענד, וואָס האָבען זיך גע׳טובל׳ט אין׳ם שיין פון דער עלקט־ רישער בעלייכטונג, האָבען אין איהם ארויסגערופען א טיעפע פרייד. און ער האָט זיך דערמאָהנט, ווי ער האָט זיך אַ מאָהל געמאַטערט און געליטען אין אמעריקא. ער איז געווען אַן ארעמער ארבייטער וואָס זיינע פערדיענסטען האָבען קוים געקלעקט זיך צו דערהאַלטען ביים לעבען. אָבער ער איז געווען ענערגיש און פּע־ היג, האָט מיט דער צייט פאַלקאָמען בעהערשט זיין מלאכה און זיך ארויפגעארבייט אויף א „דעזיינער“ אין א רייכען קלאוק־הויז. בחור׳ווייז האָט ער ניט געוואָרפען זיין געלד אין ניוועץ, האָט גע־ לעבט רוהיג און עקאָנאָמיש און האָט אָנגעזאַמעלט א קליינעם קאַ־ פּיטאַל. ער וואָלט אפשר געקענט נעהמען א רייכע כלה און אליין ווערען א פאבריקאַנט, אָבער ער האָט זיך פערליעבט אין עטהלען וועלכע איז צופעליג אָנגעקומען אלס „פינישערין“ אין זיין שאַפּ, און ער האָט מיט איהר געהייראַט.

גראָס האָט אומגעדרעהט דעם קאָפּ און האָט מיט ליעבעספולע

בליקען בעטראכט זיין ווייבעל וואָס איז געזעסען אויף א „מארים טשער" אין א לייכטער ראַזעווער קימאָנא, די פיס צוזאמענגעלייגט אונטער זיך, און האָט אויסגעזעהן ווי א פער'חלום'ט קינד. און ער האָט א טראכט געטהאָן אז ער האָט איהר א גרויסע וואהלטהאט געטאָן, אז ער האָט איהר גליקליך געמאכט, האָט איהר אויס'ן זומפּ פון ארעמקייט ארויסגעשלעפּט און זי מוז איהם דערפאַר שטארק, זעהר שטאַרק דאַנקבאַר זיין... און די מעבעל און די בילדער אויף די װענד און די קליינינקע שעהנע ווייבעל האָבען זיך צוזאמענגע־גאָסען אין אַ ריהרענדער פּארביגער פּאַנאראמא וואָס האָט זיך געוויעגט און געבוקט פאַר איהם.

— אה, ס'אַרא שעהנע שאָו דאָס איז געווען! — האָט עטהעל ווי צו זיך אליין אויסגערופען און בעגייסטערט א פּאַטש געטהאָן מיט די הענטלעך.

— וואָס? — האָט גראָס געפרעגט און עפּעס האָט איהם דער טאָן פון איהר שטימע פערדראָסען און די פּאַנאראמא איז צורונען געוואָרען.

— אדאָלף איז אַזאַ שעהנער — האָט עטהעל תמימות'דיג געזאָגט — און זיינע אויגען ס'אַראַ ברענענדיגע אויגען... אַזעל־כע אויגען האָט קיינער נים.

גראָס האָט זיך אויפגעזעצט. זיין פעטער טונקעלער פּנים האָט זיך פערקרימט און אין די פערשוואומענע אויגעלעך האָט זיך אָנגעצונדען אַן אונרוהיג פייערעל.

— וואָס איז ער דיר פּלוצלינג איינגעפאַלען אין קאָפּ — האָט ער שווער א ברום געטהאָן — קיין אנדער זאַך ליגט דיר נים אין זינען ווי נאָר אַ בלאָפערישער אַקטיאָרטשיק?

— ניין, ער איז אַ גוטער... מיר געפעלט אַזאַ, ווי ער...
— האָט זיך עטהעל נים אונטערגעגעבען.

גראָס איז ארונטערגעקראָכען פון „דעווענפּאָרט", האָט ארייג־

גענומען דעם סיגאַר צווישען די פינגער אין איין האַנד און מיט דער צווייטער אַ זעטץ געטהאָן איבער'ן טיש.

— זאָלסט מיר איהם ניט דערמאָנען, דו הערסט? — האָט ער פּלוצלינג אַ געשריי געטהאָן — איך וויל ניט.

עטהעל האָט פון אונערוואַרטונג אַ ציטער געטהאָן. זי האָט דערשראָקען אויפגעהויבען אויפ'ן מאַן די אויגען און זיך צוזאַמענגעקאָרטשעט ווי אַ קינד, וואָס ריכט זיך, מען זאָל עס אָנשלאָגען.

גראָס, אַ הויכער, אַ שטרענגער האָט זיך געטרייסעלט אויף זיינע קרומע פיס און עטהלען האָט זיך אויסגעוויזען, אַז ער שטעהט אין שאַפּ און שרייט. די אַרבייטער דרעהען צוטומעלט אַפּ די קעפּ און בעהאַלטען זיך ביי די מאַשינען. און זי נורעט איין דאָס פּנים אין אַ בלויען מאַנטעל... און ניט ווילענדיג איז אַרויסגעשוואומען אין איהר מוח די מאַמע מיט די יתומים'לעך און איהר האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט אַנגסט, אַז ער זאָל איהר חלילה ניט אַרויסטרייבען...

און גראָס האָט געשריען:

— אָט האָסטו דיר, גאָר אַן אַקטיאַרטשיק! אַז איך זאָל ווע־לען, קען איך איהם אין גאַנצען אָפּקויפען... איך קען איהם ברייב־גען צו מיר אין שטוב אַריין און איהם הייסען מאַכען די „פּלעי“...

עטהעל האָט געצוואונגען אַ שמייכעל געטהאָן, האָט זיך אַרונ־טערגעשלייכט פון שטוהל און איז צוגעגאַנגען צום מאַן.

— וואָס ביזטו אין כעס? — האָט זי מיט איהר שמייכעל געזוכט איהם איבערצוגעווינען — איך האָב דיר עפּעס שלעכטס געטהאָן?

— געה, געה צום אַקטיאַרטשיק — האָט ער איהר ליכט אָב־געשטויסען פון זיך און מיט בעליידיגטער ווירדע זיך אָפּגעקעהרט פון איהר.

— ווילי, טהו דאס ניט — האט עטהעל מיט טרעהרען אין קול געזאגט.

גראס איז א ווילע געשטאנען אונבעוועגליך, אנגעבלאזען, אבער איהר נאהענטקייט האט איהם גערייצט און ער האט איהר פלוצלינג צוגעצויגען און צוגעדריקט צו זיך.

— עטהעלע, איך האב דיך ליעב ווי דאס לעבען — האט ער אויפגערעגט געזאגט — ווי מיין אייגען לעבען.

ער האט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויפ'ן „דעווענפארט" און איהר גענומען צו זיך אויפ'ן שויס.

— אוי ליעב איך דיך! — און ער האט איהר תאוה'דיג א קוש געטהאן אין נאקען.

— טאקע? — האט זי מיט א געמאכטער פרייד איהם אריינ־געלאכט אין פנים אריין און געפיהלט אז ער איז איהר פרעמד און אונאנגענעהם און אז זי וועט קיינמאל ניט אויפהערען צו טראכטען וועגען אדאלף'ן. זי האט זיך טיעף איינגעקלאמערט אין גראס'ן און האט טרוימעריש צוגעמאכט די אויגען.

— ער איז דיר באמת'ן שטארק געפעלען? — האט דער מאן מיט א בעהאלטענעם פערדאכט געפרעגט.

— וויים איך וואס. גאר ניט, אזוי זיך... — האט זי שטיל געזאגט.

— ער איז א שעהנער יונג! — האט דער מאן איהר געוואלט אויספרובירען.

— געה, איך האב איהם פיינט — האט זי ארויסגעשטאמעלט — דיך, האב איך אזוי ליעב, ווילי...

און געפיהלט האט זי איצט, אז זי האסט איהר מאן מעהר ווי ווען עס איז פריהער און אז אדאלף איז איהר טהייער, אונענד־ליך טהייער, און זי וואלט זיך פאר איהם מקריב געווען. זי האט

מיט צוגעמאכטע אויגען געזוכט דעם מאנ׳ס ליפּען און אז ער האָט זיי איהר צוגעטראָגען האָט זי זיך אין זיי איינגעגעסען מיט א פלאַמענדיגער ליעבשאפט און איהר האָט זיך גערוכט אז דאָס קושט זי י ע נ ע ם און זי האָט געשעפּטשעט:

— איך האָב דיך ליעב... איך האָב דיך ליעב...

גראס האָט מיט זיין ברייטער האנד איהר געגלעט די ווייכע האָר און ציטערנדיג פון ליידענשאפט איבערגעפרעגט:

— ווירקליך?

און זי האָט אלץ געשעפּטשעט:

— איך האָב דיך ליעב...

— — — — — — — — — — — —

און אז ער האָט איהר אויפגעהויבען און אין זיינע הייסע ארעמס איהר גענומען טראָגען אין שלאָפצימער אריין האָט זי זיך פארגעשטעלט אז דאָס טראָגט זי אדאָלף אוועק פון איהר געפאנגענשאפט און פון וויטען שטעהט דער אלטער פערדארבענער קארדינאל און שילט זי׳...

— ער איז א קארדינאל... — האָט זי פלוצלינג הויך געזאָגט, מיינענדיג איהר מאן, און איהר האָט זיך געגלוסט, אז דיעזע זעלטענע נאכט זאָל קיינמאָל ניט פערשווינדען, עס זאָל קיינמאָל ניט טאָג ווערען.

צווישען פייער און פלאַם

און אנדערע בילדער פון ארבייטער־לעבען.

צווישען פייער און פלאַם

חנה האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אויסגעריבען די אויגען און זיך ארומגעקוקט. אין שטוב איז געווען ליכטיג און שטיל. זי האָט אויף זיך ארויפגעוואָרפען דאָס אונטער־קליידעל, אָנגעטהאָן די שטעק־שיך, זיך ארומגעוואַשען און איז נאכהער צוגעגאַנגען צום בעט און גענומען פאַרזיכטיג טרייסלען איהר מאַן פאַר׳ן אַקסעל. זי האָט געוואוסט, דאָס ער מוז אויפשטעהן. אויב זי וועט איהם ניט אויפוועקען, וועט ער זיך שטאַרק בייזערען.

— וועלוועל, וועלוועל, עס איז שפּעט.

דער מאַן, אַ געזונדער און דיקער, מיט אַ שוואַרצען שפּיציגען בערדעל אויפ׳ן ברייטען געזיכט, האָט געעפענט תמ׳עוואטע די אויגען, האָט אונפערשטענדליך אַ ברום געטהאָן און זיך אומגע־קעהרט צו דער ווייב מיט׳ן רוקען.

— וועלוועל, די סטרייקערס זיינען שוין מסתמא ביים שאַפּ.

וועלוועל האָט אַ ליכטען ציטער געטהאָן. דאָס וואָרט „סטריי־קערס" האָט איהם געבראַכט צום בעוואוסטזיין. ער האָט זיך אויפ־געזעצט אויפ׳ן בעט, האָט אונצופריעדען בעטראַכט די ווייב און אַ געשריי געטהאָן:

— געה שוין אוועק! נו! געה! — און ער האָט בייז אויס־געשפּיגען.

די טהיר פונ׳ם צימער, וואו עס זיינען געשלאָפען די קינדער,

האט זיך געעפענט און עס האט זיך בעוויזען פרידא, זייער עלטס־טע טאכטער. דערזעהענדיג דעם פאטער האט זי זיך אונאנגענעהם פערקרימט. זי האט גערעכענט, אז ער איז שוין אוועקגעגאנגען. איצט, האט זי געוואוסט וועט ער איהר גראב בעליידיגען, ווי זיין שטייגער איז, און ניט ווילענדיג האט איהר ארומגעכאפט א טעמ־פער האס און עקעל צו איהם. מיט יעדען טאג וואס דער סטרייק האט זיך פערצויגען איז דער אבגרונד צווישען זיי געווארען אלץ טיעפער און טיעפער. און א געפיהל פון שאנדע, פון שמערצלי־כער נאגענדער שאנדע איז געוואקסען אין איהר, וואס ע ר איז איהר פאטער...

— מיין קרוין האט זיך שוין געיאוועט, — האט קראסניק מיט'ן האנד אירא־ניש אנגעצייגט אויף דער טאכטער.

פרידא האט אויף איהם אויפגעהויבען די אויגען, וואס האבען זיך אנגעצונדען מיט אפענער פעראכטונג, און איז אריינגעגאנגען אין קיך.

װעלוועל קראסניק איז געווען א פארמאן אין א „פעטיקאוט" שאפ, וואו עס זיינען געווען בעשעפטיגט מייסטענס מיידלעך. אן עקשן און אן אונוויסענדער, האט ער אבער בעוזעסען אויסגעצייכענטע פעהיגקייטען און פיינע איינפעלע אין זיין פאך. דער פא־בריקאנט האט איהם דערפאר אנפערטרויט די גאנצע פערוואלטונג אין שאפ. אהן זיין צושטימונג האט ער קיין אלטע זאך ניט גע־ענדערט און קיין נייע ניט אונטערנומען. און קראסניק האט זיך אימער געפלייסט צו בעווייזען, אז ער פערדיענט כשר דעם גע־שענקטען צוטרוי.

ער האט זיך צו די ארבייטערינס פערהאלטען שטרענג, כמעט גרויזאם. ער האט ביסלעכווייז ארונטערגעשניטען די פרייזען, איינגעפיהרט אין שאפ נייע משונה'דיגע „רולס", ביז די מיידלאך האבען ענדליך ערקלעהרט א סטרייק. קראסניק, וועלכער האט ניט געקענט פערטראגען קיין ווידערשפעניגקייט, איז געווארען ווילד פון כעס. כאטש ער איז געווען בלויז פארמאן און האט געקראגען ניט מעהר, ווי א בעשטימטע וועכענטליכע געהאלט, איז ער דאך

מיט׳ן גאַנצן האַרצן זיינעם געווען אַריינגעטהאָן אין שאַפ, און ער האָט זיך משוגע׳נערווייז געפרעהט, וואָס אונטער זיין פּיה־רונג זיינען די פּראַפּיטען אַזוי הויך געשטיגען. און ווייל ער האָט געוואוסט, דאָס ער איז די הויפּט־אורזאַכע פון סטרייק, האָט ער זיך זעלבסט גענומען בעטראַכטען מיט מעהר שטאָלץ און ווירדע, ווי ער וואָלט פלוצלינג אויסגעפונען, וואָס פאַר אַ וויכטיגער מענש ער איז, און ער האָט געווירקט מיט אַלע מיטלען אויפ׳ן פאַבריקאַנט די אַרבייטערינס קיין זאַך ניט נאָכצוגעבען.

— איך וועל זיי ווייזען צו סטרייקען! — האָט קראַסניק געברומט, זיך אַנטהוענדיג אין איילעניס. — זיי וועלען מיך האָבען צו געדענקען!

ער האָט זיך אַרומגעוואַשען און זיך געזעצט אין קיך צום טיש עסען. איהם אַנטקעגען איז געזעסען פרידא. איהר נאָהענטקייט האָט איהם נאָך מעהר אויפגערייצט. קראַסניק האָט אויף איהר אַנגעשטעלט אַ סאַרקאַסטישען בליק און געפרעגט:

— נו, דו ווילסט נאָך אַלץ סטרייקען?

פרידא האָט געשוויגען. אַ רויטע פאַרב האָט זיך צוגאָסען אויף איהרע פרישע באַקען. איהרע שוואַרצע אויסדרוקספולע אויגען האָבען אויפגעבליצט מיט צאָרן. איהר האָט זיך געגלוסט איהם אַ שליידער צו טהאָן עפּעס שאַרפעס נקמה׳דיגעס וואָס זאָל איהם אָהן אַ שיעור וועה טהאָן. זי האָט אָבער אַ טראַכט געטהאָן וועגען דער מוטער, זיך בעהערשט און אַרונטערגעלאָזען דעם קאָפּ.

— איך האָב אויפגעהאָדעוועט אַ פיינע טאָכטער! — האָט קראַסניק מיט גאַל אויסגערופען — איך מעג זיך בעגראָבען פאַר שאַנדע.

— וואָס פאַרצאַפּסטו דעם קינד דאָס בלוט? — האָט חנה זיך אַריינגעמישט מיט אַ שמערצפולען אויסדרוק אויפ׳ן געזיכט. — נו, זי סטרייקט... אַ ברירה האָט זי? אַז אַלע מיידלעך סטרייקען, ווילסטו זי זאָל געהן אַרבייטען?

חנה האָט זיך דערמאָנט, דאָס ביים אָנפאנג סטרייק האָט איהר מאַן איינמאָל געצוואונגען פרידא׳ן צו געהן צו דער ארבייט. יענעם אבענד איז געקומען אין הויז א קאָמיטע פון די סטרייקע־רינס און האָט איהר געוואָרענט, ניט צו לאָזען די טאָכטער געהן אין שאַפּ — מען וועט איהר ניט שאָנעווען... ביי דיעזער ערא־נערונג האָט זי אינערליך אויפגעשוידערט פון שרעק.

— הם... זי מוז סטרייקען — האָט קראַסניק געזאָגט מיט גיפט — זי מוז? פאַר וואָס? זי פערדיענט ניט גענוג? און אז איהר ווילט מעהר, טו פוילט זיך ניט! אומזיסט זאָל מען אייך צאָהלען?.. איהר ווילט האָבען א „יונע“? דער באָס זאָל זיין א שמאַטע, דער פאַרמאַן א שמאַטע, און איהר זאָלט האָבען די דעה? נעווער, נעווער!...

ער האָט צאָרענדיג א שאָקעל געטהאָן מיט׳ן קאָפּ און א זעץ געטהאָן מיט׳ן פויסט איבער׳ן טיש. אין דיעזען אויגענבליק האָט ער געטראַכט פון שאַפּ, זיין אייגענער לאַגע, און כאָטש זיין טאָכ־טער איז געוועזען אן איינפאַכע מאַשין־האַנד, ווי אַלע איבעריגע אָפּערייטאָרינס, האָט ער פונדעסטוועגען געפיהלט, ווי זי וואָלט מיט׳ן סטרייקען בעגאַנגען א גרויסע עולה געגען באָס און געגען איהם זעלבסט...

— מיין טאָכטער זאָל גאָר וועלען א „יונע“! — האָט ער גענומען בייז שרייען — א שלאַנג האָב איך געבראַכט אויף דער וועלט... א שלאַנג...

פרידא האָט זיך קוים געקענט בעהערשען. זי האָט געפיהלט, דאָס איהר פאָטער איז צו איהר אונגערעכט, דאָס ער האָט ניט קיין גרונד איהר אזוי צו בעליידיגען. זי וויל פערבעסערען איהר לאַגע — סטרייקט זי. וואו ליגט דער פערברעכען? זאָל ער אליין מפרנס זיין דאָס הויז, וועט זי גאָרניט ארבייטען און ממילא ניט סטרייקען... זי וויל ניט פערראַטהען די איבעריגע מיידלעך...

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט פרידא וועהמוטיג גע־

זאָגט — וואָס טשעפּעסטו זיך? דו וועסט מיר פערטרייבען פון הויז, זאָג איך דיר.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון טיש, אַ הויכע און אַ שעהנע, און זיך גענומען ראַש אָנטהאָן, צו געהן פּיקעטען דעם שאָפּ.

— איך וועל דיך נאָך צייגען! — האָט קראַסניק איהר גע־סטראַשעט מיט׳ן קולאַק. ער האָט פערשטאַנען, וואוהין זי קלייבט זיך און האָט האַסטיג צוגעלייגט:

— זאָלסט ניט וואַגען צו פּיקעטען... זאָלסט מיר ניט ארויס־געהן פון הויז!

— מאַמע, זאָל ער מיך אָבלאָזען! — האָט פרידא צורייצט אויסגערופען און זיך אָבגעקעהרט פון פאָטער, ווי ער וואָלט געווען עפּעס נידריגעס, אבשייליכעס...

— טאָכטער׳על, שריי ניט, — האָט חנה איהר מילד פאַרגע־וואַרפען און איהר אונטערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטהאָן.

זי איז געשטאַנען אַ נידערשלאָגענע. זי האָט ניט קלאָר בע־גריפען די אורזאַכע, צוליעב וואָס איהר מאַן און טאָכטער האָמ־פּערען זי אַזוי שטאַרק. זי האָט קוים געוואוסט די בעדייטונג פון דעם וואָרט „יונע“. נור געפיהלט האָט זי, אַז עס איז עטוואָס משונה׳דיגעס, וואָס קען פון איין זייט שטערען איהר מאַן אין זיין פּרנסה, און פון דער אַנדערער זייט וועט עס זיין דער טאָכטער אַ טובה. זי האָט היים געליעבט איהר טאָכטער און איהר געוואָלט זעהען גליקליך און האָט געליטען, וואָס איהר ווילוועל האָט אַזוי פּיעל עגמת נפש, און זי האָט ניט געוואוסט, צי זאָל זי די „יונע“ בענשען, אָדער שילטען... איהר איז געקומען אויף׳ן זינען, ווי פריידליך און נחת׳דיג עס איז געווען אין שטוב פאַר׳ן סטרייק, ווי דער מאַן און די טאָכטער האָבען זיך היים געליעבט און איהר האָט פּלוצלונג פערקוועטשט בײ׳ם הארצען און די אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרעהרען.

— פאר וואס איז דאס אזוי? פאר וואס קריעגט איהר זיך?
— האט זי גענומען הילפלאז בליפענען.

קראסניק'ן איז געווען אונאנגענעהם צו קוקען, ווי זי וויינט. איהרע טרעהרען זיינען, ווי ווייסע טראפענס, געפאלען אויף זיין נשמה און ביסלעכווייז צושמאלצען זיין כעס.

— נו, מאך מיר ניט קיין כל נדרי... — האט ער שטיל, מיט בעהאלטענער ווייכקייט אין טאן געזאגט. ער האט ארויפגע־צויגען אויף זיך דעם אויבער־ראק, גענומען זיין שטעקען, האט זיך אבגעהוסט און זיך פארטיג געמאכט צו געהן. אין זיין מוח איז פלוצלינג ווידער ארויפגעשוואומען דער שאפ, סטרייקערינס, די אר־בייט, וואס ליגט ניט דערענדיגט, און איהם האט איבערוועלטיגט אן אונבעזיעגבארע עקשנות און האס. ער האט זיך דערפיהלט, ווי א יעגער, וואס לאזט זיך אין יאגד אויף ווילדע חיות, און וועלכער האט צו דערזעלבער צייט מורא, אז די חיות זאלען איהם זעלבסט ניט פערצוקען... ער האט פעסט צוזאמענגעדריקט דעם שטעקען אין האנד און איז ארויס פון שטוב.

— איך וועל זיי צוטרייבען, ווי די הינד... — האט ער גע־ברומט, שפרייזענדיג מיט ברייטע טריט איבער דער שמאלער גאס, וואס האט זיך פריי געצויגען אנטקעגען דער אויפגעהענדער זון.

פרידא האט פרייער אבגעאטהעמט, ווען דער פאטער האט פערלאזען דאס הויז. זי האט זיך געקליבען אוועקצוגעהן. זי איז געווען קאמפפסלוסטיג און פרעהליך. דער סטרייק האט איהר בעג־גייסטערט. די אויפרעגונג און געפאהר, מיט וועלכע דער סטרייק איז געווען פערבונדען, האט איהר ענטציקט. אלעס איז געווען אזוי מאדנע און ניי און האט זיך ארייגעריסען אין איהר טריבען לעבען, ווי א מונטערער ליכטיגער שטראהל.

— גוד־באי, מאמע — האט זי פרעהליך געזאגט — איך מוז לויפען פיקעטען.

— פרידעלע, טהו עס ניט — האָט חנה זיך ביי איהר געבעטען — עס פּאסט ניט פאר'ן טאַטען... זיין אייגענע טאָכטער זאָל סטרייקען...

— וואָס דער טאַטע טהוט, פּאסט פאר מיר אויך ניט. איך שעהם זיך צו קוקען די מיידלאַך אין פּנים אריין — האָט פרידא ערביטערט געענטפערט. און אויף דעם ענטשלאָסענעם פרעמדען אויסדרוק פון איהר געזיכט און די פעסט־צוזאַמענגעפּרעסטע ליפּען איז געווען קלאָר צו לעזען, דאָס קיינער אין דער וועלט וועט איהר ניט זיין ביכולת אָבצוהאַלטען. דעם טאַטענ'ס עקשנות איז גערונען אין איהר בלוט...

— טאָכטערעל, הער מיך אויס — האָט די מוטער מיט אַ צובראָכען קול גע'טענה'ט, — צו וואָס זאָלסטו קריכען אין פייער אריין? מילא, סטרייקסט... נו, זיטץ אין שטוב, רוה זיך אויס, ווארט — דער סטרייק וועט זיך ענדיגען, וועסטו געהן צוזאמען מיט אַלע מיידלאַך צו דער ארבייט...

— אזוי צו האַנדלען איז פייג, — האָט פרידא איהר אונגעדולדיג אונטערבראָכען.

חנה האָט טיעף אָבגעזיפצט.

— געה געזונד, מיין קינד... — האָט זי זיך צערטליך אונטערגעגעבען און אָבגעווישט אַ טרעהר פון אויג — היט זיך, אז דער טאַטע אָדער דער באָס זאָלען דיר למען השם ניט בעמערקען.

זי האָט זיך אוועקגעשטעלט ביי'ם פענסטער און געווארט, ביז פרידא האָט זיך בעוויזען אויפ'ן גאַס.

פרידא האָט, ארונטערגעהענדיג די טרעפּ, פעררייסען דעם קאָפּ צום הימעל, ווי זי וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגען, אַז דער וועטער וועט איהר ניט שטערען צו פּיקעטען, און זי האָט שמייכלענדיג זיך פערקירעוועט רעכטס. פון דער ווייטען האָט זי נאָך געזעהן קראסניק'ס שטארקע ברייטע פיגור.

ביי חנה'ן האָט זיך עפּעס ווי אָבגעריסען אין הארצען. זי האָט זיך פּלוצלינג דערפיהלט שרעקליך אונגליקליך און איינזאם, ווי זי וואָלט געבליבען אליין אויף דער וועלט.

— גאָטעניו, העלף זיי ב י י ד ע ן... — האָט זי שטיל מתפּלל געווען — העלף זיי...

די פערשאלטענע שטוב

שפעט נאָכמיטאג. די זון זעצט זיך שוין אין מערב זייט. דער הימעל איז לויטער, רויט ווי אָנגעגליהט אייזען. ערטערווייז איז ער בלוילין אין פון אונטען, ביי די ברעגעס — פערשמעלצט מיט די שאָטענס פון די טהורעמס און די הויכע, אומגעלומפּערטע שטאָ־טישע מויערען — איז ער פערצויגען מיט א גרויען נעבעל.

שלעפעריג, פויל זאמעלט די זון איהרע העלע שטראהלען. זי איז מיעד, אָבגעשוואכט, און פערשווינדעט הינטער דעם שוואר־צען שלייער פון דער אָנקומענדער נאכט — לאנגזאם, אונבעמערק־זאם, ווילענלאָז..... און די שטראהלען שטייגען אלץ העכער און העכער, ביז זיי פערליערען דעם שיין, און ווערען ענדליך אין גאנצען פערשלונגען פון דער געדיכטער גרויקייט, וואָס פערשפרייט זיך אין דער לופט.

דאָ, אין דעם קליינעם ענגען צימער, איז צום דערשטיקען. די לופט איז פערגיפטעט, פויל....

די געקווייטעלטע, שפּאלירטע ווענט זיינען איינגעהילט אין א הויך פון פייער. דער סופיט, די פּאָדלאָגע — זיי ברענען...

און עס מאַכט דעם איינדרוק, אז די זונען שטראהלען האָבען זיך אין דעם צימער איינגענאָדיעט און זיך פערבאָרגען אין יעדען ווינקעלע און שפּעלטעלע און ווילען אויף להכעיס ניט ארויס פון דאנען....

די אנוועזענדע קענען דאָ קוים דעם אָטהעם אָפּציהען. אין האַלז איז טרוקען, דער קערפּער נאַס. איבער זייערע פּנים׳ער, רייצענדיג די נערוועז, טריפען שווערע טראָפּען שווייס.

צוויי קינדער, אין דער עלטער פון פינף און זיבען יאָהר, פערשמאַכט, אויסגעדאַרט און צושויבערט, שפּילען זיך אויף דער פּאָדלאָגע מיט די בלעטלעך פון א צוריסענעם בוך.

זיי זיינען כמעט נאַקעט, אָבגעשוואַכט פון דער היץ און פון די לאַנגע אונערטרעגליכע תעניתים. יעדע רגע וואַרפען זיי בעטענדע, הונגעריגע בליקען אויף דער מוטער. זיי שרייען ניט. זיי וויינען ניט.

די נויט, די בעשטענדיגע צרות האָבען זיי ניט נאָך די יאָהרען נאָך ענטוויקעלט, און געלערענט, אז מיט טרערען און רייד איז ניט פיעל אויסצופיהרען. אגב האָבען זיי א שטאַרקען בטחון אין דער מוטער. זיי ווייסען, אז זי זאָרגט, דאגה׳ט פון זייערט וועגען; וועט זי נור האָבען וואָס, וועט זי שוין אליין געבען. דעריבער געוואַלדעווען זיי ניט און שפּילען זיך אזוי רוהיג און געלאַסען, נור ווען דער הונגער טרעט שוין צו שטאַרק און שטאַרקער, און די קליינע הערצלעך פערגעהען, דאַן ווערען זייערע בליקען בעטריבט. זיי פערצוקען מיט די פּלייצעס, בויגען ארונטער די קעפּלעך, נעהמען אריין די פינגער אין מויל און זויגען.... אז די מוטער דערזעהט דאָס, וויינט זי זיך פאַרנאַנדער אויפ׳ן קויל...

דער פאָטער איז בטבע שווייגעדיג. גאַנצע טעג געהט ער אום הין און צוריק איבער׳ן צימער. דאָס געזיכט בלאַס און פערומערט, די ליפּען פעסט צוזאַמענגעפּרעסט. איבער די אויגען הענגען אריבער ניט פערקעמטע פּאַטלעס האָאַר און יעדע ווײלע פערברעכט ער די הענד אזוי, אז די קנעבלעך קנאַקען אזש.

ער איז א מענש פון א נערוועזער, אויפגערעגטער נאַטור, א קראַנקער און שוואַכמוטהיגער, מיעד פון לעבען און יסורים, און

מיט א לײדנשאַפטליכען בעגעהר נאָך רוה און גליקזעליגקײט. ער פיהלט די עלענדע לאַגע, די לײדען פון דער פאַמיליע, זײן מאַכטלאָזיגקײט, די גאַנצע גרויזאַמקײט און אונגערעכטיגקײט פון די אומשטענדען, וואָס רינגלען איהם ארום; פערדאַמט און האַסט זיך, די פרוי, די קינדער, און, ווי ער דריקט זיך א מאָל אויס — „די גאַנצע נידערטרעכטיגע, קאָרומפּירטע וועלט". זײנע שטימונגען זײנען אָבער ניט דויערהאַפט. זײ ענדערען זיך שנעל און אונגע־ריכט, ווי בײ דאָס רוב פּעסימיסטישע, צורודערטע ברואים.

מאָמענטענווײז, ערוועקט זיך אין איהם א רחמנות, א ליעבע צו די אונגליקליכע פרוי און קינדער. דאַן ווערט ער גוטמוטהיג, ווײכהערציג, און מיט א קרענקליכער צערטליכקײט בעהאַנדעלט ער זײן הויז־געזינד. דער פרוי שענקט ער דאַן בעזאָנדערע אויפ־מערקזאַמקײט; ער פיהלט זיך געגען איהר שולדיג, ער בעוואונ־דערט איהר גרויסמוטה, איהר איבערגעבענהײט; ער בוקט זיך פאַר איהר וואָרימע, גוטע האַרץ, פאַר איהר אנגענעהמער, סימפּאַ־טישער שעהנקײט.

זײן געזיכט ווערט דאַן בעפרײט פון די יסורים־קנײטשען, זײן רוקען גלײכט זיך אויס, ווי פון זיך אלײן, און פון די אויגען שטראַהלט ארויס א בעזאָוסט־זיניגער שטאָלץ. דער ווידער־שטאַנדס־גײסט און נצחון פון די יוגענדליכע יאָהרען, וואָס דער לע־בענס־שטראָם האָט אראָבגעשווענקט, פּילט אופּס־נײ אָן זײן נשמה. און ער דערשפּירט אין זיך פרישע כחות, מעהר מוטה, נײע אונבע־קאַנטע פערלאַנגען.

דאָס פלעגט אָבער ניט לאַנג אָנהאַלטען. אין א קורצע ווײלע פלעגט ער ווידער ארײנפאַלען אין זײן געוועהנליכע מעלאַנכאָליע, פערביסענהײט און טויטליכע אפּאַטהיע.

אויף די קינדער האָט ער מיט זײן האַלטונג אָנגעוואָרפען א פחד, א שרעק, און זײ האָבען פון איהם געווײכט. דאָס האָט ער

בעמערקט. אַן אַנדער מאָל האָט עס איהם פערדראָסען און גע־ערגערט, און אַן אַנדער מאָל האָט עס איהם נאָך הנאה געטאָהן. דאָס האָט זיך געווענדעט אָן זיין שטימונג.

יעצט האָט ער ארומגעשפּרייזט איבער'ן צימער און מיט פאַר־שעגדע בליקען בעטראַכט די פרוי, וועלכע איז, מיט א צושפּילע־טען יאַקעל און ווישענדיג די אויגען מיט א טיכעלע, געזעסען ביים אָפענעם פענסטער און געשלוכצעט.

ער האָט גוט פערשטאַנען די אורזאַכע פון איהרע טרערען.

איהר צוּבראָכענער געמיטה, איהר ציטערענדער איינגעבויגע־נער קערפער, די ערנסטע טרויעריגע בליקען פון די דערשלאָגענע קינדער, די וואוינונג, דער גאַנצער הימעל־שרייענדער אנבליק פון ארמוטה און יאוש, וואָס האָט זיך אזוי בולט פונאַנדערגעוויקעלט פאר איהם, האָט ווייך געמאַכט זיין הארץ, און ערגעץ טיעף־טיעף אינווייניג, אין א ווייט פערבאָרגען קעמערעל האָט עפּעס מאָדנע אָנגעהויבען צו פלאַטערען און בעוועגען זיך...

ער האָט זיך אָבגעשטעלט, אונענטשלאָסען אָבגעהוסט, און שטיל, ווי שעהמעדיג, געזאָגט צו דער פרוי:

— צו וואָס טרערען ?... טהייערע... וואָס העלפען דען טרע־רען ? ...— געזאָגט און ער איז רויט געוואָרען פון שאַנדע. נו, און געכטען, און אייערנעכטען, און פאר־אכט־טאָגען, פאר וואָס איז ער געבליבען גלייכגילטיג צו איהר געוויין ? זיינען דען יענע טרערען געווען ניט אמת'ע, געקינצעלטע ?

פאר וואָס־זשע האָט ער דאַן געשוויגען ?

פון דיזען געדאַנק איז איהם היים געוואָרען אין קאָפּ, און די הארץ האָט האסטיג אָנגעהויבען צו קלאַפּען.

די פרוי האָט אוועקגענומען דאָס טיכעל פון די אויגען און מיסטרויאיש א קוק געטאָהן אויף איהר מאַן. אין זיין זאַנפטער ברוסט־שטימע האָט זי אינסטינקטיוו דערפיהלט יענע זיסע, צאַרטע טענער, וועלכע האָבען אַזוי געלאָשצעט איהרע נערוועז, געמאַכט לייכטער איהר געמיטה, און זי האָט געקוקט אויף איהם, אום זיך צו איבערצייגען, אז זי האָט קיין טעות ניט געמאַכט.

אין דעם נעכסטען אויגענבליק איז זי געשטאַנען נעבען איהם, געדריקט איהם צו איהר ברוסט, און זיך געבעטען:

— זיי ניט שטענדיג אָנגעבלאָזען.... פערליר ניט דעם מוטה! געליעבטסטער פריינד מיינער, זיי ניט בייז, זיי ניט ברוגז...

איהרע ווערטער דורכגעדרונגען מיט ליעבע און איבערגעבענ־הייט האָבען איהם עטוואָס בערוהיגט. ער האָט טיעף אָבגעזיפצט און זיך אוועקגעזעצט אויף אַ שטוהל.

— די האַרץ בלוטעט — האָט ער שטיל געמורמעלט... — די האַרץ...

זי איז געשטאַנען פון ווייטען און איהם בעטראַכט. יעצט ווען זי האָט זיך אָבגעקיהלט, האָט זי ניט געוואָלט צוגעהן נעהנ־טער צו איהם, מחמת זי האָט געדענקט, אז עס פּאַסט ניט פאַר די קינדער. זי האָט געקוקט איהם גלייך און אָפען אין די אויגען, און אויף איהר געזיכט איז געלעגען אויסגעגאָסען אַ שטרענגע ערנסט־קייט, צוזאַמענגעמישט מיט אַן אויסדרוק פון טיעפען מיטלייד.... זי האָט איהם אַזוי גוט געקענט, דיזען צורודערטען, אונגליקליכען מענשען... אלע זיינע מינעס, בעוועגונגען זיינען איהר געווען גוט בעקאַנט, און אונענדליך ליעב. און דאָך, ווען ער פלעגט, ווי איצט, צוזאַמענברעכען און פאַלען אין אַהנמאַכט, האָט זיך אין איהר ניט ווילענדיג דערוועקט אַ געפיהל פון פעראַכטונג און ביטערער ענט־טוישונג, און זי האָט זיך געוואונדערט און ניט בעגריפען, ווי אזוי ער, מיט זיין שטאַרקער ענערגיע, וועלכע ער האָט אונצעהליגע מאָל ארויסגעוויזען, ווי אזוי האט ער, אזא בעגייסטערטער און אַמ־ביציעזער, געקענט אזוי צו־ווייקט און דערשלאָגען ווערען....

— די הארץ — האָט דער מאַן ווידערהאָלט זיין קלאַגע — די הארץ ווערט ממש צושפּרונגען !.....

און מיט א ווילדען פייער אין די אויגען, האָט ער צאָרנדיג אויסגעשריען.

— וואָס איז דאָס פאַר א וועלט? וואָס איז דאָס פאַר א וועלט !...

די קינדער האָבען אויפגעהויבען אויף איהם זייערע הונגע־ריגע אויגען און זיך ענגסטליך אָפּגעקעהרט אָן א זייט.

זיין אויסזעהען האָט אויך די פרוי איבערגעשראָקען.

— שאַ, שריי ניט אזוי.... — האָט זי איהם אונטערבראָכען. —די שכנים וועלען דערהערען.

ער האָט זי דורכגענומען מיט זיינע בליקען און זיך משונה'דיג צולאַכט. עס האָבען זיך א שאָט געטאָהן ווערטער, הארטע, שטעכי־גע, דראָהענדע.... זיי זיינען געלאָפען, זיך איבערגעהאַקט, נאָכ־געיאָגט איינע די אַנדערע, און עס האָט אויסגעזעהען, אז עס וועט צו די ווערטער קיין סוף ניט נעהמען, קיין גרענעץ ניט זיין.

— פערשטעהסט! — האָט ער זיך פיבערהאַפט טרייסלענ־דיג גע'טענה'ט — מיר זיינען פערשטויסענע... פאַר אונז איז אין דער גרויסער, ברייטער וועלט ניטאָ קיין מקום מנוחה.... די וועלט דאַרף אונז ניט, קבצנים.... מיר זיינען פערשאָלטענע. מען מאַרעט אונז מיט הונגער.... איך האָב אָבער א מאָגען, וואָס פאָדערט עסען! איך שריי: „נאַט אייך מיינע הענד, פרעסט מיין בלוט און פליישׁ, און מיר גיט ברויט, איך בין הונגעריג!“

ער האָט שווער אָבגעאָטהעמט, א מאַך געטהאָן מיט דער האַנד און אנשוויגען געוואָרען.

א קיהלער ווינטעל האָט יעצט געוועהט אין צימער, וואו די גרויע שאָטענס פון דעם אבענד האָבען אייפריג געשפּינט א נעסט פאַר זיך.

ער איז צוגעגאַנגען צו די קינדער, זיי צוגעדריקט צו זיך, אַוועקגעזעצט ביי זיך אויפ'ן שויס, און געקושט זיי.

— הונגעריג, קינדערלאַך, האַ? — האָט ער ווייך געזאָגט. זיין שטימע האָט געקלונגען מיט פיעל מילדקייט און צערטליכקייט.

פּלוצים איז אַ אונרוהיגער געדאַנק דורכגעלאָפען אין זיין מח. ער האָט זיך מיט אימפּעט אויפגעהויבען און שנעל געפרעגט:

— וואו איז זי? וואו איז דאָס קינד?

די פרוי האָט זיך פערלאָרען און ניט געפונען, וואָס צו ענט־פערען.

— וואו איז זי? — האָט ער נאָך דרינגליכער איבערגעפרעגט.

זי האָט געשוויגען.

דאַן איז די זאַך פאר איהם קלאָר געוואָרען. מיט אַ פער־שטיקטען קול און צוזאַמענגעדריקטע פויסטען, אויסער זיך פון כעס און אויפרעגונג, האָט ער אַפּגעשטופּט פון זיך די קינדער, און אַ געשריי געטאָהן:

— ווי אזוי האָסטו געוואַגט?!

און דאַן שטילער און מיט מעהר פאָרוואורף:

— ווי אזוי האָסטו זיך ערלויבט? איך האָב עס דאָך דיר פער־באָטען! פון וואַנען האָט זיך ביי דיר גענומען די געוויסענ־לאָזיגקייט?

די פרוי האָט אויסגעבראָכען אין אַ קראַמפּפהאַפטען געוויין.

— איך האָב ניט געקענט מעהר — האָט זי געיאָמערט — מיין לעבען איז שוין פערלאָרען, אָבער די קליינע עופה'לעך..... זיי טאָרען ניט הונגערען, זיי טאָרען ניט אויסגעצעהרט ווערען....

— ניט דו ביסט אין זייער הונגער שולדיג.... ניט דו ווערסט

זיין זייער מלאך המות, און ניט איך.... זיי זיינען שולדיג, פון זיי דארף מען נעהמען ראכע, אָבער ניט שיקען א קינד גנב'ענען.... אָפען, פאר יעדענס אויגען דארף מען זיך אָן זיי נוקם זיין, און ניט גנב'ענען בעהאַלטענערהייד, אונטער זייערע הענד, בלוטיגע הענד... אין מיטען העלען טאָג זאָלען זיי קריגען זייער פערדיענטען פסק!... ערשט דערנאָך וועט מען קענען לעבען....

— דו ביסט דאָך אָבער נור איינער!....

— עס זיינען דאָ א סך.... נור זיי האָבען מורא... עס וועט אָבער קומען א צייט, ווען זיי וועלען מוזען האָבען קוראַזש..... און דאַן וועט זיך אָנפאנגען א נייער לעבען....

— די קינדער וועלען אָבער שטארבען ביז יענער צייט.

דער מאַן האָט ניט געענטפערט. ער האָט זיך אָ ווארף געטהאָן אויפ'ן בעט, פערריסען די קאָלדרע און איינגעגראָבען דעם קאָפּ טיעף אין קישען. די קינדער האָבען ניט אויסגעהאלטען און אָנגעכאפּט די מוטער פאר'ן קלייד.

— עסען! עסען! עסען!.....

די טהיר האָט זיך שנעל מיט א סקריפּ געעפענט און עס איז אריינגעקומען א קליינע, אָרים געקליידעטע מיידעלע, מיט קלוגע שווארצע אויגעלעך. זי האָט אויסגעזעהען מיעד און דערשראָקען. די אויגען האָבען ארויסגעשטארטשעט פון דעם אויסגעמאָגערטען געזיכט און דער צארטער קערפּער איהרער איז געווען דאר און איינגעשרומפּפּט. שטיל און פאָרזיכטיג האָט זי אריבערגעטראָטען די שוועל, געוואָרפען א שנעלען אָנגעשטרענגטען בליק איבער'ן צימער און זאָרגזאם פערריגעלט די טהיר.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהרע יונגע ברידערלעך, זיי שווייגענדיג אומארמט, און בעדעקט זייערע ליפּען מיט הייסע קושען. די קינ־דער האָבען אויפגעהערט צו כליפּען און נייגעריג אָנגעשטעלט די

אויערן. זיי האָבן געוואָלט הערן, וואָס די עלטערע געניטע שוועסטער וועט דערציילן.

מיט דער זעלבער פּאַרזיכטיקייט און נאָך מער פּחד אין די אויגן איז די מיידעלע צוגעגאַנגען צו דער מוטער און אָהן ווערטער איהר דערלאַנגט עפּעס איינגעוויקעלט אין א רויט־געקווייטעלטע פּאַטשיילע.

די מוטער האָט פערבראָכען מיט די הענד. א פּאָאָר מינוטען איז זי געזעסען בעוועגלאָז, דאַן האָט זי זיך ראַפּטום א הויב גע־טאָהן, ארויפגעוואָרפען אויף זיך די שאַל, און זיך א לאָז געטהאָן צום ארויסגאַנג.

דער פאָטער האָט זיך דאַן אויפגעזעצט, און פערצווייפעלט א טרייסעל געטהאָן מיט די פויסטען, און אזוי אונערוואַרטעט, ווי ער האָט זיך אויפגעהויבען, האָט ער זיך אומגעדרעהט מיט'ן פּנים צום וואַנד און איז אָהן כחות צוריק געפאַלען אויפ'ן געלעגער.

די מיידעלע האָט טיעף אָבגעזיפצט, אָבגעווישט א טרעהר שטילערהייד, און פעררוקט זיך אין א ווינקעל, מען זאָל זי ניט קענען ארויסזעהן.

די קינדער האָבען זיך צוגעהערט. דער מאַמעס אבוועזענהייט האָט זיי געפרעהט. זייערע זשערנע גיעריגע אויגעלעך האָבען יעצט געשטראַהלט מיט האָפנונג.

ארום טיש זיינען געזעסען די אינגלעך, די מיידעלע און די מוטער. די קינדער האָבען מיט גרויס אַפּעטיט געגעסען, וואָס די מוטער האָט געגעבען. די מיידעלע האָט זיך ניט גערירט און גע־שוויגען.

די קינדער זיינען געווען אויפגעלייגט, פרעהליך, לעבעדיג. זיי האָבען געשטיפט, געלאַכט, זיך געשטורכעט און געקנייפּט. אויף

זייערע בעקלעך האָט זיך צושפּיעלט א געזונדע רויטע פאַרב און די אויגען האָבען פערגניגט געבלישצעט.

דער מיידעל'ס געזיכט איז געווען בלאַס, פערזאָרגט און צו־שראָקען. פון איהרע אויגען האָט ארויסגעגלאַנצט ערביטערונג. די פערקרימטע ליפּען האָבען אויסגעדריקט שרעק און וועהמוטה.

האַלב אָנגעלעהנט אויף איהרע עלענבויגען איז זי געזעסען און געקלעהרט וועגען דעם, ווי גליקליך און מזל'דיג עס איז געווען איהר שוועסטעריל, וואָס איז לעצטען ווינטער געשטאָרבען. זי ליגט זיך יעצט אויפ'ן רוהיגען, גרינעם בית עולם בעקוועם, אונגעשטערט, ווייט־ווייט, אויסערהאַלב דער שטאָדט, און עס ארען איהר ניט די היצען, און זי דאַרף ניט צוקוקען די נויט פון דער פאַמיליע, און די מאַמע שיקט זי ניט אין ערגעץ.... זי ווייס ניט ווארום און פון וואָס איהר שוועסטער איז געשטאָרבען; זי איז אָבער זיכער, אז דער טוידט האָט איהר געוויס הנאה געטהאָן, און יעצט וואָלט זי זיך וועלען ליגען דאָרט לעבען דער שוועסטער, אום ניט צו זעהן די זשעדנעקייט פון איהרע ליעבע ברידערלאך, די צרות און יסורים פון דער מוטער. דעם פאָטער האָט זי אי ליעב, אי זי האסט איהם. א מאָל איז אין איהר מנצח די ליעבע, א מאָל דער האַס.

„דו ביסט אזא מזל'דיגע" — איז זי אין איהרע רעיונות מקנא איהר טויטע שוועסטעריל.

די מוטער קען ניט רוהיג פערטראָגען איהרע בליקען און זי פרעגט מיט א שטימע פול געבעט און צערטליכקייט:

— טעכטעריל מיינס, פאַר וואָס עסט דו ניט?

— איך ווייס ניט — ענטפערט די מיידעלע — איך ווייס ניט.

— פאַרט?....

קיין ענטפער.

— טהו מיר צוליעב — האַלט זיך די פרוי קוים אָפּ פון געוויין.

די מיידעלע האָט פּלוצלונג אויפגעשווידערט, צוזאַמענגעצויגען די גליעדער, און פון איהרע אויגען האָט א גאַס געטהאַן א שטראָם ביטערע טרערען.

— מאַמע, איך האָב מורא — האָט זי זיך געצאַפּעלט אין דער מוטער'ס שויס — איך קען ניט מעהר! איך האָב מורא...

— פאַר וועמען, נאַרעלע? — די פרוי האָט אומזיסט זיך גע־סטאַרעט צו שמייכלען — פאַר וועמען?

— פאַר... פאַר...

די מיידעלע האָט ניט דערערדט. בעהערשט פון אן אונ־נאַטירליכען שרעק, וואָס האָט גרויזאַם אויפגעטרייסעלט איהר נשמה, האָט די מוטער איהר פערשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנד.

— שאַ! זאָג ניט... זאָג ניט... זאָלען די קינדער ניט הערען! שאַ!...

די פרוי האָט זיך געוואָרפען ווי אין אן אַנפאַל פון משוגעת. די קינדער האָבען אויף א רגע אָנגעשטעלט די אויערען, און באַלד זיך ווידער גענומען צום עסען און לאַכען.

די מיידעלע איז געזעסען אויף דער מוטער'ס קניע, איהר קעפּ־עלע אָנגעלעהנט אויף איהר מוטער'ס ברוסט, איהרע הענטלעך פעסט ארום דער מוטער'ס האַלז.

ביידע אינגעלעך זיינען שוין געשלאָפען. זיי זיינען געלעגען בעהעפט אין זייערע פערלאַטעטע ברודיגע מלבושים אויף א צור־פּוילטע לעדערנע קאַנאַפּע און א שמייכעל פון זאטקייט און צו־פרידענהייט האָט זיך געשלענגעלט אויף זייערע ביידענס ליפּען. די מוטער האָט נאָך ניט צייט געהאַט זיי אויסצוטהאָן און דעם פאַ־טער איז עס ניט געלעגען אין זינען.

ער איז נור וואָס אויפגעשטאַנען, און ווי אימער, די הענט הינ־טער זיך, פאַמעלעך און בייז ארומגעשפּאַנט איבער'ן צימער. גע־הענדיג האָט ער זיך פויל געצויגען און געגענעצט. די אויגען האָבען מאָדנע געברענט, דער קערפּער פיבערהאַפט געציטערט. יעדע רגע האָט ער געוואָרפען ארום זיך פערדעכטליכע בליקען, געשפּיגען, און דאָס שפּייעכץ מיט א ווילדען צאָרן צוריבען מיט דעם לינקען פוס. זיין הארץ האָט געפלאַטערט, געשפּרונגען און געריסען זיך, נור אין קאָפּ איז געווען פוסט, טרוקען, עפּעס אזוי ווי דער מאַרך וואָלט אויסגערונען, אָדער אימיצער וואָלט זיין מוח אויסגעשניטען, בשעת ער האָט געדרעמעלט, און די האָר פון קאָפּ האָבען געשטאָכען און די הויט האָט געבריהט.

— וויפיעל ?—האָט ער פּלוצלונג דערהערט א נייגעריגע שטי־מע, וואָס האָט א גרילצט געטהאָן אונטער זיין אויער, ווי מיט א טשוואָק איבער א גלאָז.

— 350 טריט — האָט ער אונצופריעדען און מיט כעס געענט־פערט. און באַלד געהיימניספאָל צוגעזעצט : — 350 אין א שעה... נו, און אין א טאָג ? אין א מעת־לעת... א חודש ? א מיליאָן, אפשר א הונדערט מיליאָן טריט !... א האַלבע וועלט האָב איך אין שטוב אויסגעשפּאַנט.

ער האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען, אָנגעשטרענגט דעם זכרון אום זיך אָן עטוואָס צו דערמאָנען, נור ער האָט פערגעסען וועגען וואָס ; ער האָט געטראַכט און איז געבליבען שטעהן בעוועג־לאָז.

— איך האָב מורא, מאַמע... — האָט וועהמוטהיג געצויגען די מיידעלע— אז איך קום אריין אין סטאַר פיהל איך, ווי עס שטאַרבט אין מיר אָב יעדער אבר... איך פערליר זיך... און דאָרט איז אזוי שעהן, אזוי שעהן... אלעס, וואָס דו ווילסט, געפינסטו דאָרט... עסענוואַרג, קליידער, גאַרניטורען... און אזוי פיעל רייכע דאַמען געהען אהין קויפען !... דו געדענקסט מיין חבר'טע, דער שכן'טעס

מיידעלע? איהר האָבען די וועכטער געכאַפּט, האָט מען זי ערגעץ צוגענומען... מיך וועלען זיי אויך כאַפּען...

די מוטער האָט געשפּאַסט, געלאַכט, איהר אויסגערעדט דאָס האַרץ... די מיידעלע האָט געזיפצט, געוויינט, ביז זי האָט ענדליך צוגעמאַכט די אויגען, און איז איינגעשלאָפען.

דאַן האָט די מוטער זי שטילערהייד אויסגעטהאָן און אוועק־געלייגט ניט ווייט פון איהרע ברידער — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

מאַן און ווייב זיינען געזעסען אויפ'ן בעט אין דער פינסטער, און א ים פון שרעק, פון אונבעשרייבליכען עגמת נפש איז געווען צוגאָסען אין זייערע הערצער. דרויסען איז געווען חושך, שווערע געדיכטע וואָלקענס זיינען געקראָכען איבער'ן הימעל, און דראָהענד ארונטערגעבליקט אויף דער ערד... די שטיקענדע דומפּיגע לופט האָט אָנגעזאָגט אויף א גיכען רעגען.

— זיי האָבען מיך געבונדען! — האָט גע'טענה'ט דער מאַן מיט א פערשטיקטען אויפגערעגטען קול — זיי האָבען מיך איינגע־שפּאַרט אין א דומפּיגער תפיסה... איך ווער געלעהמט פון אונ־טהעטיגקייט, פּאַראַליזירט פון בעוועגלאָזיגקייט... איך האָב הענד וואָס זוכען ארבייט, א קערפּער, וואָס נויטיגט זיך אין מעהר רוים... איך וויל ניט, מען זאָל מיך האַלטען פערשפּאַרט... איך בין א מענש!... פערשטעהסט?! הא?...

ער האָט אָנגעכאַפּט די פרוי פאַר די הענד, האָט זי צוגעצויגען צו זיך, זי דורכגעדרונגען מיט זיינע שאַרפע בליקען, און לאַנגזאַם זי ווידער אָבגעשטויסען פון זיך.

— א מענש! — האָט ער פאַרטגעזעצט מיט נאָך מעהר היץ און ערגערנעס — זיי דאַרפען דאָס געדענקען! איך וועל זיך ניט אונטערגעבען!.... איך וויל ניט הונגערען, און וויל ניט, אז מיין ווייב און קינדער זאָלען הונגערען!... און אז איך וויל ניט, טאָר מען מיך ניט צווינגען!...

ער איז פּלוצלונג אַנשוויגען געוואָרען, האָט אָפּגעווישט דעם שוויים פון שטערען, זיך דערנעהערט צו דער פרוי, און זי אזוי צו־זאַמענגעדריקט אין זיינע אָרעמס, אַז יענע האָט דעם אָטעם ניט געקענט כאַפּען.

— איך בין אַ מענש מיט אַ זעעלע און הארץ, וואָס מוזען גע־אַכטעט ווערען...

און זיך אַריבערבויגענדיג צו דער פרוי׳ס אויער, האָט ער מיט גאַל, ניפּטיג אַרויסגעשיפּעט:

— דו ווייסט, וואָס פון איהר וועט ווערען, האַ ?... יעצט האָט זי מורא, אָבער עס איז קיין תרופה ניט... שפּעטער וועט זי זיך ניט וועלען שטעלען אין געפאהר... וועט זי איינפיהרען אַן אייגען גע־שעפט... פערקויפען דעם אייגענעם קערפּער...

ווי אַ געביסענע האָט זיך די פרוי אַ ריס געטהאָן פון זיינע הענד, און איז געבליבען זיצען צומישט, אָהן לשון.

— מען וועט אָבער ניט קויפען !..... — האָט דער מאַן אויס־געפּלאַצט אין אַ משונה׳דיג הילכיגען געלעכטער — עס איז פאראַן צופּיעל סחורה אויפ׳ן מאַרק... מען וועט ניט קויפען... כאַ־כאַ־כאַ !

ער האָט זיך געשווינד אומגעדרעהט, אַנידערגעשליידערט די פרוי אויפ׳ן בעט, און זיך איינגעגעסען מיט די צייהן אין איהר לייב.

— איך וויל אַרבייט !... אַרבייט !.. אַרבייט !.. — האָט ער ווי אַ חיה געדעוועט, און אַ ווייסער שוים האָט איהם אַרויסגעברויזט פון מויל

דאַן איז ער אַראָבגעשפּרונגען פון בעט, געטופּעט מיט די פיס, געבראָכען די געשיער, און מיט אַן אויסגעקרימטען פּנים האָט ער ווילד געלאַכט...

און די פערצווייפעלטע קולות פון דער אונגליקליכער פרוי, און די געשרייען פון די איבערגעשראָקענע קינדער, האָבען זיך צו־זאַמענגעגאָסען מיט די דונער־קנאַלען און דעם בעטויבענדען גע־רויש פון רעגען, וואָס האָט קאַלט און גלייכגילטיג געקלאַפּט אין די פערשטויבטע שויבען פון דער עלענדער שטוב...

„וואירקינג פייפערס"

(סקיצע)

אין אָבענד, אז איך בין אריינגעקומען אין רעסטאָראַן, וואו איך פלעג געוועהנליך עסען נאָך מיין ארבייט אין באַנק, האָב איך געטראָפען אדאָלף קופער זיצענדיג ביי א טישעל. ער האָט לאַנג־זאַם געזופט פון א טאַסע קאווע און האָט אויסגעזעהען צוטראָגען און זעהר בלאַס.

— ווי געהט עס אייך אין דעם נייעם אַמט? — האָב איך געפרעגט זיך אוועקזעצענדיג לעבען איהם.

ער האָט אויפגעהויבען אויף מיר די בלאַהע, קורצזיכטיגע אויגען און דורך זיינע ברילען האָט אַ שיין געטהאָן א טרויעריגער, פערשעהמטער שמייכעל.

— עה, — האָט ער א זיפץ געטהאָן. — איך בין שוין אויס... אוים פאַבריק אינספעקטאָר.

— וואָ־אס? — האָב איך ערשטוינט אויסגערופען.

— אזוי... — האָט קופער פערלעגען א ציה געטהאָן די אקסלען. — ס׳איז ניט פאר מיר דער אַמט...

— אָבער וואָס האָט פּאַסירט? — האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטען פון פערוואונדערונג.

קופּער האָט נעהנטער צוגערוקט צו מיר זיין שטוהל, האָט א ווײַלע פּערזאָרגט געשוויגען און ענדליך געזאָגט:

— איהר ווייסט דאָך ווי איך האָב זיך געריסען צו ווערען א פאַבריק־אינספּעקטאָר. די שטעלע אין באַנק האָט זיך מיר דער־עסען ביז עקעל. זיצען א גאַנצען טאָג איבער די פינאַנס־ביכער איינגעהויקערט, בעוועגלאָז און האַלטען אין איין שרייבען ציפערען און מאַכען אלערליי חשבונות — דאָס קען דאָך פּשוט איינעם משוגע מאַכען. די ציפערען האָבען ווי בייזע געשפּענסטער מיר געשווינדעלט אין די אויגען.... קליינינקע, שטומע, האָבען זיי ווי א גיפט זיך איינגעגעסען אין מיינע גליעדער. זאָגאר אין שלאָף פלע־גען זי זיך מיר חלום׳ען. איך האָב אלץ געטרוימט פון א בע־שעפטיגונג, וואו אנשטאַט טוידטע ציפערען זאָל איך האָבען צו טהאָן מיט לעבעדיגע געזונדע מענשען, ריידען מיט זיי, זיך קהל׳ען און איך האָב בעשלאָסען צו ווערען א פאַבריק־אינספּעקטאָר.

— איך בין געווען זיכער אז איך וועל עהרליך דורכפיהרען מיינע פליכטען. א מענש ווי איך וואָס האָט יאָהרען־לאַנג געהאַט צו טהאָן מיט חשבונות און האָט געמוזט זיין פּאָרזיכטיג אויף יעדע קליינינקייט, קען גאָר ניט זיין אַנדערש ווי נור עהרליך.

— נו, ווען איך האָב ענדליך געקראָגען דעם „בעדזש" פון א פאַבריק־אינספּעקטאָר, בין איך געוואָרען מלא שמחה. אז איך האָב צוגעשפּילעט דעם „בעדזש" צו זיך אויף דער ברוסט, האָט זיך מיר געדוכט אז ער ווינקט צו מיר און שמייכעלט ווי א לייבליכער געטרייער חבר, וואָס האָט זיך מיט מיר פעראייניגט צו טהאָן גוטעס אויף דער וועלט. האָט אָבער פּאַסירט א זאַך...

ער האָט ארונטערגענומען די ברילען, האָט מיט א טאַשען־טיכעל אויסגעווישט די גלעזלעך, האָט זיי צוריק אָנגעטהאָן, א זופּ געטהאָן קאַווע און פאַרטגעזעצט:

— דעם ערשטען טאָג, בעת איך בין אריינגעטראָטען אין אַמט, האָב איך זיך מיט א קלאַפּענדיג הארץ אוועקגעלאָזט איבער די

פאַבריקען און שעפּער. אומעדום האָב איך שטאָלץ אָנגעוויזען אויפ׳ן „בעדזש" און ווי דורך א כשוף האָבען זיך פאַר מיר געעפענט אַלע טיהרען.

— איך האָב אויפמערקזאַם בעטראַכט יעדען שאַפּ. מאַנכע בּאָסעס האָב איך געהייסען צונעהמען די קאָסטענס וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג, אנדערע געהייסען די שעפּער אויסקעהרען, אויסרייניגען. עס האָט זיך מיר געדוכט, אז איך וועל פיעל פער־געניגען האָבען פון מיין נייעם אַמט.

קופּער׳ס אויגען האָבען יעצט אויסגעדריקט ענטוישונג.

— אויפ׳ן צווייטען טאָג בין איך געקומען אין א פאַבריק פון סיגאַרעט־פּושקעלעך. צווישען די ארבייטער האָט זיך מיר גע־וואָרפען אין די אויגען א אינגעלע, א דאַרינקער און בלאַסער. עס איז געווען אונמעגליך צו גלויבען דאָס ער איז שוין אַלט 14 יאָהר. איהר ווייסט דאָך וואהרשיינליך, אז פאַר דיעזען עלטער ערלויבט ניט דאָס געזעץ אין אונזער שטאַאַט קיין קינדער צו ארבייטען אין שעפּער. איך בין צוגעגאַנגען צום קינד, און איהם געפרעגט מיט א ווייך קול:

— ווי הייסטו, אינגעלע?

דאָס קינד האָט מיר דערשראָקען אָנגעקוקט און איז אָב־געטראָטען אויף הינטערוויילעכס.

— הערריִ וואַלדמאַן, — האָט ער שטיל געזאָגט.

— און ווי אַלט ביזטו? — האָב איך איהם צערטליך א גלעט געטהאָן איבער׳ן קעפּעל.

— איך ווייס ניט. — האָט דאָס קינד מיסטרויאיש גע־ענטפערט.

איך האָב אריינגענומען זיין פּנים׳על אין מיינע הענד און האָב א שמייכעל געטהאָן:

— שרעק זיך ניט, — האָב איך דאָס קינד גענומען לאַסט־שען. — איך וויל וויסען דעם אמת. איך מיין דיין טובה.

מסתמא האָט מיין ווייכע האַלטונג אויף איהם געווירקט, ווייל ער האָט זיך מיר באַלד מודה געווען, דאָס ער איז ערשט 11 יאָהר אַלט.

מיין הארץ האָט זיך פערדריקט פאַר רחמנות. איך האָב צו־גערופען דעם באָס און איהם בייז אָנגעפרעגט, ווי אזוי ער וואגט דאָס צו בעשעפטיגען אַן 11 יאָהריג קינד. דער באָס, א נידריגער און דיקליכער, מיט א רויטען פּנים און פערשמאַלצענע אויגעלעך האָט כיטרע א שמייכעל געטהאָן און זיך גענומען רייבען די הענד.

— איהר מאַכט א טעות, — האָט ער פּלוצלינג אָנגעפאנגען צו לאַכען — קומט וועל איך אייך צייגען זיינע „וואָרקינג־פּייפּערס“.

ער האָט מיך אריינגעפיהרט צו זיך אין אָפיס, האָט זיך א ווייל געראָיעט אין פערשיעדענע פּאַפּיערען און מיר דערלאנגט עפּעס א דאָקומענט — דאָס איז געווען הערריי וואַלדמאַן'ס „וואָר־קינג־פּייפּערס“.

— וואָס איז דאָס? — האָב איך ערשטוינט אויסגערופען.

— נו, זעהט איהר דאָך?! — האָט דער באָס נצחון'דיג געזאָגט.

איך בין געווען צומישט און האָב בעפוילען אריינצורופען דאָס קינד. הערריי איז אריינגעקומען און האָט פערלעגען געקוקט, דאָ אויף'ן באָס, דאָ אויף מיר. קענטיג ער האָט דערשפּירט, אַז איהם סטראַשעט עפּעס א געפאַהר.

איך האָב איהם אָנגענומען פאַר'ן האַנד און צוגעצויגען צו זיך.

— אמת, דו ביזט בלויז 11 יאָהר אַלט?

דאָס קינד האָט געשוויגען.

— האָב ניט קיין מורא, — האָב איך איהם ערמוטהיגט — איך וועל דיר ניט טהאָן קיין שלעכטס.

— אמת, — האָט דאָס קינד געצוואונגען צוגעגעבען.

— וואו האָסטו געקראָגען די „וואָרקינג־פּייפּערס“? — האָב איהם ניט אָבגעלאָזען.

— די מאַמע האָט מיר געגעבען. — האָט ער געענטפערט שוין מיט א ציטערענדען קול.

— טהו זיך אָן! האָב איך איהם געהייסען, — טאָרסט דאָ מעהר ניט ארבייטען.

און אז איך בין צוזאַמען מיט איהם ארויסגעקומען אויף'ן גאַס, האָב איך פּלוצלינג דערזעהען, ווי די אויגעלעך זיינען ביי איהם פול מיט טרעהרען און ער טרייסעלט זיך פון אויפרעגונג.

— וואָס איז מיט דיר? — האָב איך איהם מיטליידיג גע־פרעגט.

— וואָס וועל איך איצט טהאָן? — האָט דאָס קינד הילפ־לאָז ארויסגעשטאַמעלט.

— וואָס מיינסטו? — האָב איך איהם ניט פערשטאַנען.

— פאַרוואָס האָט איהר מיר געסטאָפּט פון דער ארבייט? — האָט ער מיט א פערשטיקטען בעס ארויסגעקרעכצט.

זיין געוויין האָט מיך דערצאָרענט און איך האָב שטריינג פאָרגעהאַלטען:

— דאַרפסט מיר זיין דאַנקבאַר....

— פאַרוואָס האָט איהר מיר געסטאָפּט פון דער ארבייט? — האָט דאָס קינד עקשנות'דיג איבערגע'חזר'ט און אָן אָפּענער האַס האָט ארויסגעגלאַנצט פון זיינע אויגען.

איך האָב זיך געפיהלט געקריוודעט און ענטווישט: איך האָב

דאָך געוויסענהאַפט אויסגעפיהרט דאָס געזעץ, האָב דאָס מאָדנע נפש'ל בעפרייט פון דער שווערער ארבייט און.... וואָס זאָל עס זיין? איך בין געוואָרען שרעקליך נייגעריג. נור איך האָב אָבער מעהר קיין צייט נים געהאַט מיט איהם צו פערוויילען, האָב איך אויף שנעל אויפגעשריבען אויף א קאַרטעל מיין אדרעס און איהם דערלאַנגט.

— שיק מיר צו דיינע עלטערען אין אבענד, — האָב איך איהם געבעטען און בין אריין אין דער נעכסטער פאַבריק־געביידע.

קופּער איז ענטשווינען געוואָרען, האָט לאַנגזאַם אויסגעטרונקען א גלאָז קאַלטע וואסער און צודרינגליך בעטראַכט די איבעריגע בעזוכער אין רעסטאָראַן.

— אייך האָט זיך נאָך נים דערעסען מיך צו הערען? — האָט ער זיך געווענדעט צו מיר אין א ווייַלע ארום.

— אָה, ניין, — האָב איך איהם פערזיכערט. — ס'איז אינטערעסאַנט.

— גוט, — האָט ער אומעדיג א שמייכעל געטהאָן — איצט קומט דאָס מערקווירדיגסטע: — ביינאַכט, בעת איך בין געזעסען ביי זיך אויף'ן קוואַרטיר און געלעזען עמערסאָן'ס א בוך, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיהר. איך האָב פלינק געעפענט די טיהר. צו מיין איבעראַשונג האָט זיך אין צימער אריינגערוקט אן אונבעקאַנטע, קליינינקע, מאָגערע פרוי. לויט דער פיגור האָט מען איהר געקענט אָננעהמען פאַר א יונג מיידעל, נור איהר פּנים איז געווען אזוי געל און בערעקט מיט אַ נעץ פון קנייטשען, ווי ביי א זקנה.... די אויגען איהרע זיינען געווען רויט, אָנגעשוואָלען און עס איז געווען שווער צו אורטהיילען צו עס איז פון וויינען אָדער פון עפּעס אן אויגען־קראַנקהייט. זי איז געווען איינגעהילט אין א שאַל, אָבגעריבענעם און צולעכערטען.

— איהר זייט עס דער פאַבריק־אינספּעקטאָר, קופּער? — האָט זי געפרעגט מיט א הייזעריגלעך קול.

— יאָ, — האָב איך זיך לייכט פערנייגט. — און ווער זייט איהר?

— איך בין הערי וואַלדמאַן'ס מאַמע, — און זי האָט זאָרג־פעלטיג אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש דאָס קאַרטעל וואָס איך האָב גע־געבען דעם קינד.

דער שאַל האָט זיך אַרונטערגערוקט פון איהר קאָפּ און ענט־בלויזט די שיטערע, גראָהע האָר.

— איך בין זיין מאַמע. איך בין געקומען אויסגעפינען, פאַר וואָס איהר האָט איהם אַרונטערגענומען פון דער אַרבייט.

מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ קעלט. איך האָב דערפיהלט, אַז ביי מיר אין צימער ווערט זיך באַלד אָבשפּיעלען עפּעס אונאַנגענעה־מעס, אונגעוועהנליכעס... און איך האָב נערוועז גענומען קלאַפּען מיט די פינגער איבער'ן טיש.

— אייער קינד טאָר נאָך ניט אַרבייטען, — האָב איך איהר טרוקען ערקלעהרט. — איהר ווייסט דאָך, אַז ער איז נאָך קיין 14 יאָהר ניט אַלט?

— אַזוי? — האָט זיך די פרוי סאַרקאַסטיש פערקרימט, — און אַז ער איז ניט אַלט קיין 14 יאָהר, איז וואָס? האַ?

איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ ווילד פייערעל און זי האָט גענומען שרייען:

— אָבער „וואָרקינג פּייפּערס" האָט ער? האַ? איך בין אַן אַלמנה, אַן עלענדע, אָהן פריינד, אַליין בין איך קראַנק, און קען מעהר גאָר ניט טהאָן... ער איז מיין איינציגער ברויט־געבער, וואָס האָט איהר געוואָלט האָבען פון אונזערע יאָהרען?

איך בין געשטאַנען אַ בלייכער, אַ צומישטער און געשוויגען. דער אַלמנה'ס ווערטער האָבען, ווי גליהענדע שפּיזלעך, געשטאָכען מיך אין האַרץ און מיר איז פּלוצלונג קלאָהר געוואָרען וואָרום הערי האָט געוויינט..

— וואָס האָט איהר געוואָלט האָבען פון אונז?—האָט די פרוי גענומען כליפּען און איהרע אויגען זיינען געוואָרען נאָך רויטער און העסליכער.

— איך האָב געהאַנדעלט לויט׳ן געזעץ, — האָב איך היים געזאָגט. — איך האָב געמיינט דעם קינד׳ס טובה. דאָס געזעץ איז דאָך געשאַפען צו בעשיצען די קינדער!

— וואָס וויים איך פון געזעץ? ! — האָט די אלמנה פערבראָכען מיט די פינגער, — איצט קומט אונז אוים צו שטאַרבען פון הונגער, אָדער בעטען צדקה. מיר איז דאָך אזוי שווער אָנגעקומען ביז איך האָב איהם געקראָגען ארבייט!

— אָבער וואָס זאָל איך טהאָן? — האָב איך אין פערצווייפלונג אויסגעשריען.

— לאָזט איהם צוריקגעהן ארבייטען! — האָט די פרוי אויך פערצווייפעלט גע׳טענה׳ט. — איך וויל ניט אָנקומען צו צדקה. איך וועל ניט אוועקגעהן פון דאַנען ביז איהר וועט מיר ניט צוזאָגען, איהם צו לאָזען געהן אין שאַפּ... איהר וועט מיך פריהער הרג׳ענען, איידער איך וועל אוועקגעהן פון דאַנען!

איך האָב בעטראַכט די אלמנה און דער ווילדער צורייצטער אויסדרוק פון איהר פּנים האָט עדות געזאָגט, אז זי וועט אויספיהרען איהר סטראַשונאַק.

— אַרט אייך גאָר ניט פאַר אייער קינד? — האָט זיך ביי מיר אונגערען ארויסגעכאַפּט און איך האָב באַלד פערשטאַנען, אז דאָס איז געוועזען נאַריש און ברוטאַל און איך האָב עס ניט געדאַרפט דערמאָנען.

אָבער די פרוי איז שוין געשטאַנען נאָהענט צו מיר. איהר טרוקענער קליינינקער קערפּער איז כמעט ווי געלעגען אויף מיר און זי האָט היסטעריש געליאַרעמט:

— איך בין אַ מאַמע, אַ מאַמע! מיין האַרץ וועַרט מיר צו-

ריסען אויף שטיקער, נור וואָס קען איך טהאָן? איך האָב נאָך אליין געמוזט שווערען פאַלש צו קריגען די „וואָרקינג פּייפּערס"...

איך האָב זיך ארונטערגעלאָזען אויף אַ שטוהל הילפלאָז און צודריקט. עפּעס האָב איך געפיהלט, אַז דאָס צוציהענדע און שעהנע, וואָס האָט מיך אָנגערעגט צו ווערען אַ פאַבריק־אינספּעקטאָר, ווערט חרוב, צובראָכען... דער שרעקליכער עלענד, וואָס האָט געוועהעט פון דער אלמנה, האָט ווי אַ בלוטיגער פאָרוואורף מיר געעגבערט דעם מוח. „איך שפּיעל דאָ אַ פאַלשע ראָלע", — האָט אַן אונהיימליכער געדאַנק ארויסגעשוואומען ביי מיר. און ווירקליך, ערגעץ האָבען מענשען אין נאָמען פון גערעכטיגקייט און רחמנות געשאַפען אַ קינדער־שוץ־געזעץ און איך האָב געטהאָן מיין פליכט און דיעזען געזעץ עהרליך אויסגעפיהרט. און דאָ קומט אַ קראַנקע אָרעמע אלמנה און אין דעם נאָמען אויך פון גערעכטיגקייט און רחמנות פאָדערט זי איך זאָל ברעכען דאָס געזעץ, וואָס איז ווי אַ שווער וואָלקען געהאַנגען איבער איהר...

עס האָט זיך אין מיר עטליכע מינוט געראַנגעלט די פליכט און דאָס געוויסען און איך האָב איהר ענדליך נאָכגעגעבען.

און אויף מאָרגען, נאָכדעם ווי איך האָב גע'פועל'ט ביי'ם באָס, וואָס האָט בעת מעשה אזוי כיטרע געשמייכעלט, צוריקצונעהמען הערי'ן צו דער ארבייט, בין איך אַ גליקליכער און שטראַהלענדער ארויס אויפ'ן גאַס, האָב פריי אָבגעאָטהעמט, און אין צוויי שטונדען ארום האָב איך זיך שוין צושיידט מיט מיין „בערדוש" און רעזיגנירט פון מיין אַמט.

קופער האָט מיר טיעף ארייגעקוקט אין די אויגען, אַ שאַר געטהאָן מיט די פינגער איבער די האָר און שמייכלענדיג פערלעגען געענדיגט:

— און איצט דיינק איך ווידער צוריקגעהן אין באַנק. די ציפערען זיינען טאַקע אומעדיג, דערעסליך, אָבער זיי שרייען ניט און וויינען ניט. און די הויפּט־מעלה איז, וואָס זיי זיינען שטום, לחלוטין שטום...

די זון און דער רויך

און פערשיעדענע אנדערע
ערצעהלונגען.

די זון און דער רויך

איך און מיין פריינד, מיין אָרימער בלינדער פריינד, זיינען, אין אַ זומערדיגען נאָכמיטאָג ארויסגעגאַנגען אויפ'ן דאַך פון אַ ריעזיגער, פיעל־גאָרענדיגער געביידע. אַזוי ווי אַ לייכט־טהורם האָט זיך די געביידע געצויגען ליכטיג און מונטער צום הימעל. און די מויערען, וועלכע זיינען געווען צוואָרפען ארום און ארום, האָבען אויסגעקוקט קליין און נעבאָכדיג.

— אָה, ווי פריש די לופט איז דאָ, — האָט מיין בלינדער פריינד אָפּגעצויגען דעם אָטהעם, און זיין טוידטער פּנים האָט זיך פערקנייטשט — דאָס האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן.

— יאַ — האָב איך צוטראָגען געענטפערט און האָב אריינ־געלאָזען מיינע אויגען אין דער וואונדערבארער פארבענרייכער פּאַ־נאָראמע, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר מיר.

דער בעטויבענדער גערויש פון שטאָדט האָט זיך קוים דער־טראָגען צו מיינע אויערען. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער טומעל פון די מענשליכע קולות, די בראָזגעריי פון טראַמווייען, דאָס הור־זשעריי פון מאַשינען האָט זיך צוזאַמענגעמישט און בעהעפט אין דער לופט און האָט זיך דערטראָגען צו מיינע אויערען, ווי אַ קרעפּ־טיגעס ליעד פון שטיין און אייזען. דער טאָג האָט געהאַלטען ביים אָבשטאַרבען און די וואונדערליכע רייהע מויערען, גרויע, געלע, רויטע, גרינע, האָבען געציטערט אין די פלאַמענדע וועלען פון ליכ־

טיגקייט, וואָס האָט זיך געגאָסען פון הימעל. די מענשען, וועלכע האָבען זיך געשאָטען אויף די טראָטוארען און אין דעם פּאַרק, וואָס האָט געגרינט נעבען דער „אָדלער־געביידע“, האָבען אויסגעזעהן ווי ליליפּוטען פון קינדער־מעשה׳לעך. רעכטס, הינטער א מרה שחורה׳דיגער פאבריק־געביידע, האָט זיך א ברודיגער טייך גע־שליינגעלט און אויף דער געביידע האָט בייז און שטאָלץ זיך אויס־געשטרעקט א הויכער שווארצער קוימען, וואָס האָט פון זיך ארויס־געוואָרפען הויפענס שווארצען, אונדורכדרינגליכען רויך.

— דאָ איז אזוי פריש און קיהל — האָט מיין בלינדער פריינד פריידיג געזאָגט — איך האָב אזא הנאה...

ער האָט זיך ניט פּעראינטערעסירט צו וויסען, ווי עס זעהט אויס דער פּלאַץ, וואו מיר געפינען זיך. זיינע טוידטע אויגען האָ־בען איהם ניט געקענט געבען קיין פאָרשטעלונג וועגען דער אומגע־בונג, און צו פ ר ע מ ד ע אויגען האָט ער משמעות ניט געהאט קיין צוטרויען...

איך האָב צוזאמענגעלייגט די הענד אויפ׳ן ברוסט און זיך גע־שפּיגעלט אין די ליכטיגע זילבער־ווייסע וואָלקענדלעך, וואָס זיינען געשוואומען אויפ׳ן הימעל ווי גענז אין א בלויען וואסער.

פּלוצלינג האָט זיך פון הינטער דער מרה־שחורה׳דיגער פא־בריק־געביידע א הויב געטהאָן די זון, האָט, ווי עס האָט געשיינט, א לייכטען ציטער געטהאָן און איז שטעהן געבליבען. די זון, רונד, בלוטיג־רויט, האָט געשמייכעלט צו מיר און מיך אָנגעפילט מיט ליעבע און בענקשאפט.

„זון, קעניגין פון וועלטען“ — האָב איך געטראכט מיט התפעלות — „ווי הערליך, ווי שעהן דו ביזט! דו ביזט דער סימ־באָל פון מוטה און ליכט און לעבען און פרייד. אין דיין פייער־דיגער ברוסט זיינען איינגעפאנצערט די האָפנונגען און טרוימען פון אלע פעלקער. דיין געשטאלט וועקט גליהענדע רעיונות אינ׳ם

הארצען פון דיכטער און איז א מורא'דיגע געשפענסט פאר דעם הערשער און דעם רוצח... זון... זון!"

אין מיין טיעפער ענטציקונג, האָב איך ארומגענומען מיין פריינד און מיט א ציטערדיגען קול געפרעגט:

— דו זעהסט? דו זעהסט? דו פ י ה ל ס ט די זון?..

ער האָט אומגעדרעהט צו מיר זיין אויסדרוקסלאָזען פנים און שטיל געזאָגט:

— וואָס? די זון? איך וויים ניט... מיך ארט ניט... דאָ איז אזוי פריש און קיהל... הערסט, מיר וואָלט זיך געוואָלט דאָ וואוינען, עסען און שלאָפען!.. אַ פיינער פלאץ.

פלוצלינג האָט די זון ווי אויפגעצוקט, זיך אַ טרייסעל געטהאָן ווי אין גסיסה און זיך א רוק געטהאָן נידריגער, נידריגער... איך האָב פערשטאנען, אז דאָס ראנגעלט זי זיך מיט דער אָנקומענדער נאכט. זי וויל דער לבנה איהר ממשלה ניט אָבטרעטען.

די זון איז א רגע שטעהן געבליבען און זיך ווידער א רוק גע־טהאָן און דער שווארצער רויך פון דער מרה־שחורה'דיגער פאבריק־געביידע האָט זי גנב'יש ארומגעוויקעלט און פון מיינע בליקען בע־האַלטען.

— דער רויך, דער רויך! — האָב איך צוטומעלט אָנגעכאפּט מיין בלינדען פריינד פאר'ן ארבעל.

— וואָס רויך? — האָט ער גלייכגילטיג אַ ציה געטהאָן מיט די אקסלען. — וואָס ווילסטו?

איך בין געוואָרען שרעקליך אויפגערעגט. איך האָב געצי־טערט פון אויפרעגונג. א ווילדער כעס האָט מיך ארומגעכאַפּט. מיינע הענד האָבען זיך אין פויסטען צוזאמענגעדריקט. — דער עקעלהאפטער, עפּוש'דיגער רויך האָט די זון פערדעקט! — האָב איך אויסגערופען מיט אַ פערשטיקטען קול — די זון, פערשטעהסט?

— וואָס זאָרגסטו אזוי? — האָט ער אונצופריעדען אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען. — מסתמא מוז עס אזוי זיין.

דער רויך האָט די זון אין שוואַרצע תכריכים איינגעהילט און זי איז גענצליך פערשוואונדען.

— פּאָלג מיך — האָט מיין בלינדער פריינד זיך געווענדעט צו מיר — אָטהעם בעסער איין די פרישע לופט...

און איך האָב ניט געוואוסט, צי זאָל איך איהם בעדויערען, אָדער גאָר מקנא זיין...

די גוטע מיידעל

(דערצעהלט פון אן אקטיאָר)

עס טרעפט זעהר אָפט, דאָס געהענדיג איבער'ן גאָס, בעמערק איך ווי א פרוי אָדער א מיידעל שטעלט זיך אָפּ, און קוקט מיר נאָך.

מיר דוכט זיך אימער, דאָס זיי האָבען א שטאַרקען חשק מיט מיר זיך צו בעקענען, צו רעדען....

געוועהנליך געה איך זיי פערביי מיט א געמאַכטער גלייכ־גילטיגקייט. איך געה מיר מיין וועג לאַנגזאַם און שטאָלץ, און דרעה זיך אפילו ניט אום, אזוי ווי איך וואָלט קיין זאך ניט געזעהן.

איך פיהל אויפ'ן רוקען זייערע דורשטיגע בליקען, און איך האָב דערפון, וואָס זאָל איך עס פארבאהאלטען, ווירקליך פערגעניגען.

איך האָב א כלל ניט צו פערפיהרען קיין גאַסען־בעקאַנט־שאפט. ניט קענענדיג די „צויבערין“, איז עס א גאַנץ ריזיקאַלישע מעשה און איך האָב פיינט צו ריזיקירען. אין דיזען פּרט האָב איך א מאַטאָ — ניט דורכצופאַלען....

איך האָב אימער ליעב צו געהן אויף א זיכערען וועג....
איז דער וועג ניט זיכער, טרעט איך אָפּ און געה אָן א זייט....

נור איינמאל בין איך אריינגעפאלען. עד היום קען איך זיך ניט אבגעבען קיין דייטליכע ערקלערונג וועגען דעם, וואס איז פאר־געקומען. זי איז פאר מיר ערשיענען אזוי אונערווארטעט, און איהר בענעהמען זיך איז געווען אזוי איינפאך, אזוי פערשפרעכענד, און דאך....

דיזע פאסירונג האט איבערגעלאזען אין מיין נשמה אן אונ־רוהיגען, געמישטען געפיהל — אן אבזאמע פון פערוואונדערונג און ענטטוישונג.

* * *

דאס האט פאסירט ווינטער. איך בין ארויסגעגאנגען פון טהע־אטער און האב זיך געלאזט געהן אין א קאפע, וואו עס קומען זיך צוזאמען יעדע נאכט מיינע קאלעגען — שוישפילער, צייטונגס־שרייבער און פערשיעדענע מענשען פון דער טהעאטער־וועלט.

אויפ'ן טראטואר האב איך דערזעהן שטעהענדיג א מיידעל פון א יאהר זיעבצעהן־אכטצעהן, אנגעטהאן אין א פלושענעם מאנטעל, וואס האט געגרייכט ביז איבער די קניע, און א „טורבאן", וואס האט צוגעדעקט א האלבען שטערן און די אויערען.

דער זילבערנער רוישענדער שיין פון די עלעקטרישע לאמפען פון טהעאטער איז געפאלען אויף איהר געזיכט.

מיך האבען בעגעגענט א פאר שמייכלענדע שווארצע אויגען, וואס האבען געגלאנצט מיט אן איינגעהאלטענער פרייד, און די שמאלע פרישע ליפעלאך האבען מאדנע געציטערט.

אין מיר האט אויפגעטאגט א געפיהל פון נאהענטקייט צו דיזער מיידעל, און מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז איך קען איהר א לאנגע צייט.

איך האב אויפגעשטעלט דעם קאראקולענעם קאלנער, אום צו בעהאלטען די אויערען פון דער בייסענדער קעלט, און איך האב שווייגענדיג און לאנגזאם פארטגעזעצט מיין גאנג. אז איך בין די

מיידעל שוין פערבייגעגאַנגען, האָט זיך מיר געדוכט, אַז זי שטעהט אַלץ פאַר מיר, איינגעטונקט אין דער ציטערענדער ליכטיגקייט פון עלעקטרישען לאָמפּ.

איך האָב זיך געוואָלט צוריקקעהרען, און פערפיהרען מיט דער מיידעל א געשפּרעך, נור איך האָב זיך עפּעס געשראָקען.

פּלוצלונג האָב איך דערהערט הינטער זיך א געזונדען מיידעלשען געלעכטער.

— „קיין צווייפעל, אַז דאָס איז זי". איך האָב זיך אומגעקוקט.

איהרע אויגען האָבען געקוקט אויף מיר מיט א קינדערשער ווייכקייט. דאַן האָט זי מיט די הענטלעך, וואָס זיינען געווען בעהאַלטען אין שוואַרצע האַנדשוה, קאָקעטיש צוגעדעקט דעם פּנים, און פון צווישען איהרע פינגער האָט זיך געגאָסען א זיסער קלינגענדער געלעכטעריל.

איך בין מיט אונזיכערע טריט צוגעגאַנגען צו איהר, האָב ארויפגעלייגט מיין האַנד אויף איהר שולטער, און האָב א פרעג געטהאָן: — „וואָס לאַכט איהר, מיס?" —

איך וויים ניט וואָרום, די ווערטער האָבען זיך מיר פערהאַקט אין האַלז, און מיינע פינגער אויף איהר שולטער האָבען אָנגעפאַנגען פריהרען פון דעם דינעם שנעע, וואָס האָט בעדעקט איהר מאַנטעל. זי האָט מיין האַנד ניט ארונטערגעוואָרפען פון זיך, און שטעהענדיג בעוועגלאַז, האָט זי געזאָגט:

— איהר זייט אזא שטאָלצער....

זי האָט אויפגעהערט צו לאַכען און האָט אַלץ געהאַלטען צוגעדעקט דאָס פּנים.

איך האָב פאָרזיכטיג פאַרנאַנדערגענומען איהרע הענד, און זי האָט אויף מיר א קוק געטהאָן מיט אַזא צערטליכער אונטער־

טהעניגקייט און איבערגעבענהייט, דאס ביי מיר האט אנגעפאנ־
גען צו זינגען דאס הארץ....

איך האב ניט געוואוסט, וואס צו זאגען, און איך האב ארויס־
געשטאמעלט: — „איך בין ניט קיין שטאלצער"..... — און איך
האב געפיהלט, ווי מיינע ליפען האבען זיך צוזאמענגעלייגט אין א
שמייכעל, און עפעס אזוי ווי אימיצער האט מיר אונטערגעזאגט,
אז מיין שמייכעל איז א נארישער....

— וועט איהר מיט מיר געהן? — האב איך ווייטער געזאגט.

— זיכער — האט זי שטיל געענטפערט.

אין מיר האט אויפגעפלאמט א ווארימע פרייד. א זיסע האפ־
נונג האט אנגעפילט מיין הארץ....

איך האב איהר אנגענומען אונטער'ן ארעם און איהר א ציה
געטהאן פון ארט. זי האט זיך פעסט צוגעדריקט צו מיר. גע־
הענדיג מיט איהר, האב איך געטראכט, אז מיך האט געטראפען
אן אויסערגעוועהנליכער גליק....

— „זי האט אזוי שנעל איינגעוויליגט צו געהן מיט מיר" —
איז מיר דורכגעפלויגען א געדאנק.

— „ווער איז זי"? —

זיכער איז דאס ניט קיין אויסגעלאסענע מיידעל. פון איהר
גאנצען וועזען וועהט עס מיט אזא פרישקייט און שוימענדער
לוסטיגקייט.

— איהר קענט מיך? — האב איך מיך ניט איינגעהאלטען
צו פרעגען איהר.

— געוויס — האט זי געזאגט און שטיפעריש א שמייכעל
געטהאן.

זי האט צוגעלייגט איהר קאפ צו מיין ארעם, און האט לע־
בעדיג געפלאפעלט.

— איך האָב אַזוי ליעב אייער שפּיעלען.... אַז איהר שפּיעלט, זיצען אַלע אין טהעאַטער פערצאַפּעלטע. מ'האַלט אייך אין איין פּאַטשען בראַוואָ.... איך האָב אייך אַזוי געוואָלט קענען....

אין איהר שטימע האָט געקלונגען אַ ווייכע, אונענדליכע ענט־ציקונג. פון איהרע ווערטער איז מיר געוואָרען ווארימער, פרעה־ליכער אויפ'ן הארצען. ביי מיר האָט זיך גענומען אויסוועבען אַ גלויבען, אַז די מיידעל וועט מיר לאָזען טהאָן מיט איהר, וואָס איך זאָל נור ווילען....

איך האָב שטום בעטראַכט איהר פיגור, וואָס איז געווען אַזוי שלאַנק און רונד; און מיך האָט גערייצט איהר הויכע יוגענדליכע ברוסט.

— האָט איהר עלטערען? — האָב איך געפּרעגט.

— יאָ.

— איהר וואָהנט מיט אייערע עלטערען?

— יאָ.

איך האָב ניט געצווייפעלט, אַז די מיידעל ציהט צו מיר. אָבער דאָס, וואָס זי וואָהנט מיט איהרע עלטערן, האָט מיך אַ ביסעל בעאונרוהיגט.

— איך האָב אייך אַזוי געוואָלט קענען פּערזענליך, — האָט זי פלוצלינג בעגייסטערט אָנגעפאַנגען — נור איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט, ביז איך האָב היינט בעשלאָסען אייך אָבצוּוואַרטען.

איך האָב דערשפּירט, ווי מיך הויבט אָן צו בעהערשען אַ פיינ־ליכע ליידענשאַפט. איך האָב אָבגעקעהרט מיין קאָפּ אָן אַ זייט און האָב גענומען רעדען וועגען טהעאַטער, פּיעסען, שוישפּילער... איך האָב ניט געוואגט צו ערקלערען דער מיידעל מיינע אמת'ע

געפיהלען, איך האָב מורא געהאַט איהר צו בעליידיגען און חלילה פערלירען....

— „פריהער זאָל זי זיך צוגעוואוינען צו מיר" — האָב איך געטראַכט.

מיר האָבען אַזוי ארומגעשפּאַצירט, ביז די מיידעל האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז צו שפּעט, און זי מוז געהן אַהיים.

איך האָב איהר צוגעפיהרט צום הויז, און זיך אָבגעשטעלט אויף א ווײַלע מיט איהר אין קאָרידאָר. איך האָב מיט ביידע הענד אַראָבגעבויגען איהר קאָפּ אויף הינטען, און איהר א הייסען, לאַנגען קוש געטהאָן אין די ליפּען.

זי האָט פערשעהמט א שמייכעל געטהאָן און געזאָגט:

— הו, זיינט איהר א שטאַרקער!

זי האָט דורשטיג פערשצעמעט מיט די שאַרפע, מילכיגע צייהנדלאַך, איז פלוצלינג, פלינק ווי א פּאַנטעראַ, אונטערגעשפּרונגען אויף די שפּיץ פינגער און מיר א שמערצליכען ביס געטהאָן אין מאָרדע. איין רגע האָב איך געהאַט א געפיהל, דאָס זי זויגט אויס דאָס בלוט פון מיין געזיכט....

— הערט אויף!! — האָב איך זי קוים אָבגעריסען פון זיך.

איך האָב זי צערטליך ארומגענומען און זיך איינגעגעסען אין איהר מיט מיינע בליקען.

— איהר זיינט א שעהנינקע שלאַנג.... —האָב איך געמורמעלט — א קלייניקער טייפעל.

מיר האָבען אָבגעמאַכט זיך צו טרעפען מאָרגען אַכט אוהר אין אָבענד; מאָרגען האָב איך נים געדאַרפט אויפטרעטען אין קיין ראָליע.

געהענדיג נאַכהער אליין אין קאַפע, האָב איך וואויל־יונגיש פעררוקט דעם הוט אויף א זייט, האָב מיט א זאָנדערבאַרער פרייד

געקנאָמען דעם שנעע אונטער די פיס, און אונטערגעפייפט א לוס־טיג ליעדעל.

זי האָט געהאַלטען וואָרט. זי איז געקומען אין דער בע־שטימטער צייט. זי איז ארויסגעשוואומען פאר מיינע אויגען אזוי אונגעריכט און געהיימניספאָל, ווי נעכטען ביים טהעאטער. מיין הארץ האָט אָנגעהויבען פריידיג צו קלאַפּען.

— „היינט וועט זי זיין מיינע" — האָט עס דורכגעבליצט אין מיין מח.

— א שעהנע נאַכט — האָב איך פערלעגען בעמערקט, און איך האָב מיך אינערליך פערשעהמט, וואָס איך האָב ניט געפונען צו זאָגען עטוואָס אריגינעלעס.

איך האָב ביי זיך פון פריהער בעשלאָסען ניט צו מאַכען מיט דער מיידעל פיעל מחזקות, און גלייך זעהן אויסגעפינען, וואָס פאר א פערזאָן זי איז.

דעם אמת געזאָגט, בין איך פון דער נאַטור א ציניקער, און בין געניינט צו קוקען אויף דער פרוי בלויז פון א געוויסען שטאַנד־פונקט... און אַט די מיידעל האָט מיט איהר האלטונג און גראַ־ציעזער געשטאַלט שרעקליך געוועקט מיין נייגירדע און תאוה.

— יא, א שעהנע נאַכט — האָט זי איינגעשטימט און חנ׳־עווריג א שמייכעל געטהאָן.

— וואוהין זאָלען מיר געהן? — האָב איך פּלוצלינג גע־פרעגט, וועלענדיג אויספאָרשען איהרע אַבזיכטען, און ניט האָבענ־דיג קיין מוטה אליין צו מאַכען א פּאָרשלאַג.

— וואוהין איהר ווילט. — האָט זי זאָרגלאָז געענטפערט.

איך האָב איהר אָבגעמאָסטען מיט ברייטע בעדייטונגספולע בליקען, און געפרעגט:

— וועט איהר געהן מיט מיר איבעראל?

— יא, מיט אייך וועל איך געהן איבעראל.... — האט זי מיר אפען אריינגעקוקט אין די אויגען.

א שטראם ליידענשאפט האט דורכגעצופט מיין לייב. איך האב פעסט צוגעדריקט איהר ארעם צו מיין ברוסט.

— קומט — האב איך לוסטיג געזאגט — היינט וועלען מיר א לעב טהאן!

מיר זיינען אריינגעגאנגען אין א „קאבארעט", וואס האט גע'שם'ט פאר זיין גרויסארטיגע אויסשטאטונג און יונגע, אנציהענדע זינגערינס און טענצערינס.

איך האב געהייסען דערלאנגען צוויי בענעדיקטינער.

זי האט שמייכלענדיג א שאקעל געטהאן מיט'ן קאפ.

— איך וועל דאס ניט טרינקען — האט זי ערקלערט — איך וויל א לעמאנאדע.

איך האב איהר פרובירט איינרעדען, זי זאל נעהמען עפעס א שטארקערען געטראנק: פארט-וויין, אדער א ברענדי-מילך-פונש. זי האט זיך אבער ניט געלאזט בעאיינפלוסען.

— איהר היט זיך, איך זאל אייך ניט... איבערפיהרען? — האב איך סארקאסטיש בעמערקט.

— איך גלויב, איהר זייט אן אנשטענדיגער מענש, — האט זי פראסט און צוטרויליך געזאגט.

זי האט לאנגזאם געזופט איהר לעמאנאדע.

אויף דער עסטראדע האט א שלאנק, בויגיג מיידעל געזונגען מיט ברען א פאפולער ליעדעל. איהר רונד פנים'ל האט געשיינט, די טיעף-דעקאלטירטע ברוסט און פולע ענטבלויזטע ארעמס האבען זיך געדרויטעלט פון א פערגעניגענדער מיעדקייט.

„קאָם אָן ענ׳ היער, קאָם אָן ענ׳ היער
„אַלעקסאַנדער׳ס רעג טיים בענד..."

איהר לויטערע, זיסע שטימע האָט זיך פערפיהרעריש צושאָטען אינ׳ם קאַבאַרעט און געזוכט אַ זיווג צווישען די יום־טוב׳דיגע בע־זוכער.

באַלד האָט יעמאַנד שיכור׳לעך זיך גענומען בעטען:

„קאָם אָן ענ׳ היער..."

און פּלוצלונג האָבען פון אַלע זייטען זיך דערטראָגען אָבגע־בראָכענע גאַרענדע קולות:

„„קאָם אָן ענ׳ היער, קאָם אָן ענ׳ היער..."

אין דער פערראויכערטער לופט האָט דיעזער צולאָזענער צורוף אָבגעקלונגען טעמפּ און אונזיניג.

די זינגערין, איינגעפּרעסט אין אַ זיידענעם, פייערדיג־ראויטען קלייד, האָט זיך רייצענד געטונקט אין די ברויזענדע הינרייסענדע טענער, וואָס די פּיאַנאָ האָט אַרויסגעוואָרפען.

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום זיינען מיר ביידע געווען אין אַ געראַומיגען, בלאַה־געשפּאַלירטען צימער פון אַ שעהנעם האָטעל.

איך האָב מיין בעגלייטערין איינגערעדט, דאָס איך וויל מיט איהר זיין אַליין און עפּעס דעקלאַמירען...

ווען דער פּאָרטער האָט הינטער זיך צוגעמאַכט די טהיר, איז זי געבליבען שטעהן פערוואונדערט און, קענטיג, צומישט.

— וואָס איז דאָ? — האָט זי געפרעגט, בעטראַכטענדיג פער־ווירט דאָס ווייסע בעט און דעם וואַש־טישעל מיט די האַנדטיכער.

איך האָב אַראָבגעוואָרפען פון זיך מיין אויבעררּאָק, און האָב געוואַרט, ביז זי האָט אויסגעטהאָן איהר „טורבאַן".

איך האָב דאַן איהר איינגעקלאַמערט אין מיינע אַרעמס און

גענומען זי ווילד קושען און פערזיכערען: — „איך ליעב דיך, איך ליעב דיך"...

זי האָט בערוהיגט אַנגעלעהנט איהר קעפּיל אויף מיין ברוסט, און מיט איהר וויים, ווייך הענטעל געגלעט מיין באַק.

פּלוצלינג האָט זי זיך קינדיש צולאַכט.

— ווען אַלע מענשען זאָלען וויסען, אַז איהר זיינט דאָ מיט מיר, — האָט זי שטיפעריש געזאָגט — אַז איהר ווערט פאַר מיר אליין דעקלאַמירען...

זי האָט ניט געמאַכט קיין פּערזוך אַפּילו אַרונטערצונעהמען דעם מאַנטעל, כאָטש אין צימער איז געווען שרעקליך הייס.

— וואָס שטעהט איהר אָנגעטהאָן? — האָב איך ענדליך גע־זאָגט און האָב ניט דערקענט מיין אייגענע שטימע, אַזוי פרעמד און אויפגערעגט האָט זי געקלונגען.

— ווי אַזוי זאָל איך שטעהן? — האָט זי נאַאיוו געפרעגט.

זי האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען און האָט פּלוצלונג מוטה־לאָז פאָרגעשלאָגען:

— לאָמיר אוועקגעהן פון דאַנען.

איך האָב מיט פיבערישע פינגער גענומען פאַרנאַנדערשפּיעלען איהר מאַנטעל.

— מיר וועלען דאָ פערבלייבען איבער נאַכט — האָב איך בעפעהלעריש געזאָגט.

זי האָט אויף מיר אויפגעהויבען איהרע ליעבליכע בלאָה־זיי־דענע אויגען; געקוקט פרעגענד און דורכדרינגליך; און פּלוצ־לינג האָט זי אויפגעשווידערט, איז אַבגעטראָטען אויף הינטערוויי־לעכס און איהרע בליקען זיינען ווי פערשטאַרט געוואָרען.

— איך בין אַ גו—טע מיי—ד—על!..

די ווערטער האָבען זיך אַרויסגעריסען פון איהר האַרצען, בע־טענדע און צושראָקענע; און אויסגעזעהן האָט זי, ווי אַ שוואַך שעפעלע, וואָס צאַפּעלט זיך אונטער׳ן חלף פון שוחט...

— איך בין אַ גוטע מיידעל... — האָט זי האַסטיג געשטאַ־מעלט און אין איהרע אויגען האָבען זיך בעוויזען טרעהרען.

— וויינט ניט — האָב איך געברומט און האָב געשפּירט ווי אַ מין שרעק, אַ טעמפּער, אונבעוואוסטער שרעק וואַקסט אין מיין נשמה.

— ניין, איך בין אַ גוטע מיידעל! — האָט זי, משונה׳דיג, גענומען שרייען.

— איך ליעב אייך — האָב איך צוטומעלט גע׳טענה׳ט. — איך וועל אייך קיין בייזעס ניט טהאָן... איך וועל אייך צו קיין זאַך ניט צווינגען...

איך האָב געמוזט אויסזעהן זעהר בלאַס און ניעדערגעשלאָגען. זי האָט ביסלעכווייז זיך בערוהיגט און מיט עקשנות געזאָגט:

— איך וויל זיין אַן אָרענטליכע...

זי איז אַרונטערגעזונקען אויף אַ וויעג־שטוהל און זיך יאָמער־ליך צואוויינט.

— איך בין ניט, ווי איהר מיינט... — האָט זי ביטער גע־שלוכצט — איך בין אַן אנשטענדיגע... איהר האָט ניט בעדאַרפט אַזוי האַנדלען...

מיך האָט אַרומגענומען אַן אונענדליכער רחמנות צו דיזער מיידעל, וואָס האָט אויסגעקוקט אַזוי צובראָכען און אויפריכטיג אין איהרע ליידען. זי האָט צוזאַמענגעבויגען די פינגער און זיך געווישט די טרעהרען פון די אויגען.

אַ בלאַהליכער שאָטען איז אומגעשפּרונגען אַרום איהר מויל,

און האָט זיך בעהאלטען אינ׳ם וואָלקען געדיכטע, טונקעל־ברוינע האָאר.

איך האָב זיך אוועקגעזעצט אויפ׳ן טיש געגענאיבער איהר און האָב אליין ניט וויסענדיג פארוואָס, איהר גענומען מוסר׳ן אין א פאָטערליכען טאָן.

— מען דארף זיין פאָרזיכטיג, — האָב איך שטיל גערעדט. — איהר טאָרט זיך ניט ערלויבען צו געהן אין א פרעמדען צימער מיט א יונגען מאַן. מען קען אָנטרעפען אויף אזעלכען, וואָס האָט ניט קיין געוויסען, און ער קען פעראונגליקען, רואינירען א מיי־דעל אויף איהר גאנצען לעבען...

— איך וועל ניט געהן, — האָט זי פייערליך געזאָגט. און אויף איהר בלייכען פנים האָט זיך צושפּיעלט א צערטליכע רויט־קייט.

איך האָב זיך פארטיג געמאכט ארויסצוגעהן אויפ׳ן גאַס.

— איך האָב דאָס ניט ערוואַרטעט פון אייך — האָט זי מיר פאָרגעוואָרפען שטעהענדיג ביי׳ם טהיר. — איך וויל חתונה האָ־בען א ריינע...

איך האָב מטושטש א ציה געטהאָן מיט די אַקסלען.

— איהר שווייגט, הא? — האָט זי פערדעכטליך געזאָגט. — איהר פערשטעהט עס ניט...

אז מיר זיינען ארויסגעקומען אויפ׳ן גאַס, האָב איך פריי אויפגעאָטהעמט. איך האָב געוואָלט, דאָס זי זאָל מיר וואָס גי־כער איבערלאָזען אליין. איהר אנוועזענהייט איז ווי א שווערע לאַסט געלעגען אויף מיין נשמה. איך האָב, ניט רעדענדיג, איהר צוגעפיהרט אהיים.

— א גוטע נאַכט — האָב איך געזאָגט און זיך אונגעשיקט פערנייגט.

זי האָט זיך שטיל צולאכט און איז פערשוואונדען אינ'ם לאַנ־
גען טונקעלען קאָררידאָר.

איהר געלעכטער האָט האָפנונגסלאָז אָבגעקלונגען אין מיינע
אויערען, און האָט ערוועקט אין מיר אַ געפיהל פון אבהענדיגקייט
און טיעפען אומעט.

די אלטע

לאנגווייליגקייט און בענקשאפט האבען מיך געטריעבען צו בעזוכען דעם „פיינסטען און רייכסטען קאנצערט און באל פון סיזאן", ווי עס האבען געלויטעט די ציימונגס-אנאנסען.

דאס פובליקום איז, מיט א קליינער אויסנאהמע, בעשטאנען פון פרייגעזאנענע, עהרליכע, ליעבליכע ארבייטער און ארבייטע־רינען, וועלכע האבען אויף דיעזער אונטערהאלטונג געזוכט א חיה־שעה און צושטרייאונג פון זייערע טאג טעגליכע הארעוואניע. די פנים'ער זיינען געווען צופלאמט, פון די אויגען האבען ארויסגע־שטראהלט שארפער בעגעהר און לעבענס-לוסט, די בעוועגונגען זיינען געווען פריי און פלינק.

די שטורמדיגע, ערמוטהיגענדע טענער פון רעוואלוציאנערע מעלאדיען, די עלעקטרישע בעלייכטונג, פערשיעדענארטיגע עמב־לעמען און דעקאראציאנען וואס האבען בעציערט די וועגד און איבערהויפט די צוזאמענטרעפונג מיט אזא גרויסער צאהל חברים און בעקאנטע האט אלעמען בעצויבערט און בערוישט.

איך האב ארומגעבלאנקעט צווישען עולם, פערנייגט זיך אהין און אהער, און באלד האב איך חרטה געקראגען וואס איך בין גע־קומען אהער. איך בין בטבע א רוהיגער עניוות'דיגער מענש, און כאטש איך ווער שטארק געפלאגט פון עלענד און איינזאמקייט,

קען איך נאָך ווייניגער פערטראָגען דעם רעש און קאָבעדיגקייט פון אויפגערעגטע ברואים...

נור באַלד האָט זיך בעוויזען אויף דער עסטראַדע א סימפאַטישער יונגער מאַן און האָט אונגעדולדיג בעפעהלענד א פיהר געטאָן מיט׳ן האַנד. אין זאַל איז ביסלעכווייז געוואָרען שטילער ביז עס איז ענדליך אָבגעשטאָרבען יעדער קלאַנג, יעדע זילבע... דער יונגער מאַן האָט מיט א צופריעדענעם שמייכעל אויף די ליפּען זיך ערקלערט אַלס פּאָרזיצענדער פון אבענד און מיט גרויס התלהבות האָט ער פאָרגעשטעלט דעם פעסטרעדנער. דער בייפאַל, די בעגייסטערונג פון די צושויער האָבען דערגרייכט די מדרגה פון ווילדהייט, פון פאַנאַטישע משוגעת. דאָס האָט נאָך מעהר צורודערט מיינע שלאַפע נערוועז.

נאָך דער רעדע האָט געפאָלגט א קאָנצערט, און דאַן איז געקומען די צייט פאַר די טאַנץ־לוסטיגע.

עס איז געוואָרען א געפּילדער, א געדרענג... מען האָט גערוקט די שטולען, גערעדט, אנדערע האָבען פעררויכערט. די לופט איז געוואָרען הייס און געפּרעסט... איך האָב זיך געלאָזט אנטקעגען מיינער א בעקאַנטער געגאָסין (די האָפנונג מיט איהר זיך צו זעהן האָט מיך אייגענטליך דאָ געבראַכט היינט.)

מיר זעהען זיך אַזוי זעלטען!

ביידע האָבען מיר אַמאָל געטראָגען אין אונזערע הערצער א טיעפע ערהאַבענע ליעבע צו דער „ליידענדער מענשהייט" און מיר זיינען געווען מוכן ומזומן אוועק־צולעגען אונזערע נשמות אויף׳ן אַלטאַר פון איהר בעפרייאונג און גייסטיגע ערהייבונג. ביידע האָבען מיר געגלויבט אין די בעסערע שטרעבונגען און נייגונגען פון מענשען און מיר האָבען אויפגעאָפּפערט די נאָהנטסטע פערזענליכע אינטערעסען, און גלענצענדע קאַריערען פאַר דער פערשפּרייטונג פון יענע לעהרע, פון יענעם אידעאַל, וואָס מיר האָבען געהאַלטען פאַר הימעל־הויך, פאַר וויכטיג און הייליג.

מיר האָבען געשריבען, אגיטירט צווישען די ארבייטער מאַס־סען.

און ווען איך האָב אינ׳ם ברען פון אונזער געמיינשאַפט־ליכע טהעטיגקייט זיך פּלוצלונג חושד געווען, אז מיינע געפיהלען אין בעצוג צו איהר זיינען ניט עכט־ריינע און אז עס וואַקסט אין מיר, וואָס איז ניט בעזאָנדערס אנשטענדיג און עהרווירדיג, האָב איך זי גלייך פערלאָזען און האָב איבערגעטראָגען מיין טהעטיג־קייט אין א ווייטער שטאָדט.

איך האָב זיך צוריקגעקעהרט דאַן, ווען דאָס יוגענדליכע הייסע בלוט האָט איבערגעזאָדען און אָבגעקיהלט זיך און דער קאַל־טער זויבערער פערשטאַנד האָט מנצח געווען די תאוה...

ערנסט, בעגייסטערט און אונערשראָקען האָבען מיר צוזאַמען געקעמפפט און גע׳חלומ׳ט: ז י י פאַלגען ראַפּטום איבער׳ן וועג וואָס מ י ר האָבען פאר זיי אויסגעטראָטען...

די יאָהרען זיינען האַסטיג געפלאָסען, ביז עס איז פּלוצלונג אָנגעקומען דער מאָמענט ווען מיר האָבען זיך דערפיהלט ארויס־געשטויסען, ארויסגעקוועטשט פון דעם קעסעל־גרוב פון לעבען... אונזער מחנה איז געבליבען ווייט ה י נ ט ע ר אונז און מיר האָבען פערשטאַנען, אז מיר זיינען זיי געווען פרעמד...

דיזע ערקענטניס האָט אונז פריהצייטיג אַלט געמאַכט.

אונטערגעבראָכען האָט עס די פליגלען פון דעם אָדלער־גייסט, די בעגייסטערונג פערניכטעט און די שעהנע האָפנונגען אויסגע־לאָשען.

זייט דאַן לעבען מיר ניט מעהר — מיר דארען, וועלקען ביסלעכווייז....

איינאַרטיג, אונפרוכטבאַר און פארבלאַז ציהען זיך אָהן אויפ־הער, אונאונטערבראָכען, טעג און חדשים. מיר פראַצעווען, עסען, גענעצען, שלאָפען און נור ווען מיר בעגעגנען זיך, ווערען

מיר ערמוטהיגט און בעזועלט פון אונזער טהאַטענרייכער פער־גאַנגענהייט.

— איהר הערט ?... איהר הערט ?— האָט זי היציג גע׳טענה׳ט, מיך אַנכאַפּענדיג פאַר׳ן ארבעל — איך וועל אויפהערען צו געהען צו דיזע הוליאַנקעס... מיך עקעלט פון זיי... מיר איז עס ווידערליך.

איך האָב געקוקט אויף איהר בלאַסען דורכגעקארבטען פּנים, אויף איהר שוואַכער איינגעשרומפּפּענער פיגור, אויף איהרע אונטער־געשניטענע גרוי פערשלאָגענע האָר, אויף איהר גראָדען קלוגען שטערן און געטראַכט : טהייערע, גוטע, נאָבעלע בעשעפעניש, אין דיר ליעב איך, אין דיר פערעהר איך די אַבבילדונג, דעם שאָטען פון י ע נ ע ר פרוי, וואָס איך האָב אַמאָל געקענט און בעוואונ־דערט. זי האָט גערעדט :

— איך בין געזעסען די גאַנצע צייט און האָב בעאָבאַכטעט די מיידלעך, די יונגע לייט... וואָס פאַר א טרויעריגער אנבליק! די אויפפיהרונג זייערע איז אזוי רויה און אומגעלומפּערט... די אויגען דריקען אויס געדאַנקענלאָזיגקייט און צופריעדענהייט... מיר נעהמט אָן א חלשות פון דיזער בהמה׳שער צופריעדענהייט!...

זי האָט זיך ביטערליך פונאַנדערגעלאַכט, טייטלענדיג מיט׳ן בליק אויף א פּאָר׳ל וואָס האָט זאַרגלאָז און בליץ־שנעל זיך געטראָ־גען אונטער דער מוזיק פון א פרעהליך־הילכענדען וואַלס.

— וואהרשיינליך האָבען זיי דערפון פערגניגען. — האָב איך שטיל אָבגעענטפערט.

— אונצווייפעלהאַפט... אונצווייפעלהאַפט... — האָט זי כעס׳דיג אונטערגעבראָכט. — זיי טהוען דאָס ניט אום זיך צו פייניגען, אָדער סתם אזוי זיך... יעדע מענשליכע האנדלונג ווערט ארויסגערופען פון געוויסע פערלאַנגען און מאָטיוען... אונזער פליכט איז אָבצושאַצען דעם ווערטה פון די מאָטיוען און די ניצליכקייט פון דער האַנדלונג...

א פּערסאָנעטער, פערשוויצטער קאוואַליער האָט פאַרביי־שפּרינגענדיג זי א שטופּ געגעבען אין רוקען אזוי, אז זי איז אויף מיר ארויפגעפאלען. זי האָט זיך ענטשולדיגט פאר דער אונאנגע־נעהמליכקייט און פאַרגעשלאָגען מיר זאָלען זיך אַנידערזעצען. איך האָב צוגעשטימט.

— וואָס ווייטער, דאָס שטארקער ווערט ביי מיר די איבער־ציינגונג — האָט זי לאַנגזאָם און פעסט געצויגען מיט איהר לאַסטשענדע טיעף־ברוסטיגע שטימע — דאָס דער געגענווערטיגער ארבייטער־דור און די אינטעליגענץ, וואָס האָט פון איהם ארויסגע־שפּראָצט, פערמאָגט ניט יענע קאַמפּפס־לוסטיגקייט, יענעם ענטהו־זיאַזמוס און שטרעבונג צו פרייהייט און גערעכטיגקייט ווי די מענשען פון אונזער גענעראַציאָן. און איך ווייס נים, ווי דאָס צו ערקלערען: צי איז דאָס ווייל זייערע איינגעבאָרענע אייגענשאַפ־טען זיינען אזעלכע וואָס מאַכען זיי אונטערטהעניג און שקלאַפיש? אָדער איז עס אפשר דער איצטיגער סדר פון לעבען, די נייע פער־העלטניסע, וואָס דערשטיקען אין זיי יעדע שפור פון פּראָטעסט, פון ווידערשטאנד? פאר מיר בלייבט עס א רעטעניש...

זי איז אנשוויגען געוואָרען, זיצענדיג אונבעוועגליך און אַהנ־מעכטיג ווי פערגליווערט, מיט א טרוימערישען שמערצהאַפטען אויסדרוק אויף איהר געזיכט. און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק: ווייט, העט ווייט, אין א וועלט פון לויטער רוחניות שוועבען ארום איהרע מחשבות און פילען אָן איהר הארץ מיט אונאויסשפּרעכלי־כען וועהטאָג און אימה און שטערען איהר רוה און ברעכען איהה געמיטה.

איך האָב דערפיהלט טרעהרען שפּאַרען מיר פון די אויגען, עטוואָס ווארימעס און ברויזענדעס וואַרגט מיך אין האַלז.

מיט גרויס עגמת נפש האָב איך ארויסגעבראַכט: — ניט זיי זיינען שולדיג, נור מיר... מיר זעלבסט...

זי האָט מיט'ן גאַנצען קערפּער אויפגעציטערט, עס האָט אויס־

געוויזען ווי גיפטיגע פיילען האָבען איהר זעעלע דורכגעלעכערט און אויפגעטרייסעלט און טוידטליך פערוואונדעט זי.

— מיר? מיר? — האָט זי פערצאָרנט און עמפּעהרט אי־בערגע׳חזר׳ט מיינע ווערטער — מיר, וועלכע...

נערוועז און פיבערהאַפּט האָט זי גענומען בלעטערן פאַר מיר דאָס בוך פון אונזער רוהמפאָלען „אמאָל“. אין איהר מערקוויר־דיגען זכרון האָבען אויפגעוואַכט מעשים, בילדער און עראייגניסע וואָס האָבען אזוי מעכטיג דערצעהלט וועגען רעבעליאָן, התפּעלות און מאַרטירערטהום... און זי האָט פייערליך געשטעלט די פראגע: „צי דען פערדיענען מיר געטאַדעלט צו ווערען?“

אזוי ווייך און צערטליך ווי מעגליך האָב איך געזאָגט:

— מיר זיינען פיעל צו פריה מיעד און ענטמוטהיגט געוואָ־רען... מיר האָבען זיי איבערגעלאָזען אָהן שטיצע און אָהן וועג־ווייזער... מיר זיינען אָבגעשטאַנען פון דער פרייהייטס־מחנה... אונז האָט פערראַטהען דער בטחון אין דעם ענדליכען אונפערמייד־ליכען זיעג...

דאַן איז פאָרגעקומען אַ סצענע, וואָס איז אימער דער שלוס־אַקט פון אונזערע פלאַמענדע ויכוחים. זי האָט זיך אויפגעהויבען און טרוקען מיר געמעלדעט:

— איך געה אהיים.

און איך האָב מיט אַ פערשולדיגטען טאָן געענטפערט:

— איך וועל אייך בעגלייטען.

און בעת מיר האָבען ביידע מיט גרויס מיה זיך דורכגעשלאָ־גען אַ וועג דורך די געדיכטע מענשענמענגע, האָט זי זיך אָנגעהאַנ־גען אָן מיין ארעם, זיך צוגעטוליעט צו מיר, און פון איהר בעריהּ־רונג איז מיר געוואָרען אזוי לייכט און אנגענעהם! אַ ווילדע לוסט און בענעהרליכקייט האָבען ערגעץ אין מיר אויפגעשטיגען, צוגאָ־סען זיך איבער׳ן לייב, אריינגעדרונגען אין די אָדערען... אין

קאפ האט א הייסער האמער א זעץ געטהאן און איבערגעדרעהט זיך. מיר האט אנגעפאנגען צו שווינדלען אין די אויגען.

— — — — — — — — — — —

אויפ'ן גאס איז געווען ליכטיג און שטיל. דאס זיינען געווען די לעצטע טעג פון דעם גוסס'דיגען, גרייז־גרויען ווינטער, און אין דער נאטור האט זיך שוין געשפירט דאס אנקומען פונ'ם פרישען שטיפערישען פריהלינג, וואס האט צוגעזאגט אזוי פיעל תענוג און גליקזעליגקייט! איך האב טיעף און פריי אויפגע־אטהעמט, ערמונטערט פון א צופלוס פון פרישע כחות און ענערגיע.

זי האט געשפרייזט בעזונדער, פאמעלעך און פערטראכט, ווי איהר שטייגער איז, און בעזארגט געקוקט פאר זיך און ארום זיך, אזוי ווי זי וואלט א קאסטבארע זאך פערלארען און ניט געקענט עס אויפזוכען...

אונגעריכט האט זי זיך אבגעשטעלט און, ווי צו זיך אליין, געזאגט:

— זיי אמוזירען זיך.... הם!.. מיט האצקעס און ביער.. אויך מיר פראלעטאריער...

איך האב איהר ניט ווידערשפראכען, אום זי ניט נאך מעהר אויפצורייצען.

— מיר זיינען שולדיג? — זי האט זיך געריהרט פון פלאץ און אומגעדרעהט איהר פנים צו מיר. — פארוואס? וואס האב איך ניט געטהאן און ניט אויסגעפרובט?.. וויפיעל פערפאלגונ־גען, צרות און שלעק אויסגעשטאנען! און וואס איז די פעולה? האצקעס און ביער.... האצקעס און ביער....

— פילייכט זיינען זיי נאך ניט רייף.. — האב איך זיך ניט איינגעהאלטען.

— ניט דאס... — האט זי איבערצייגענד געענטפערט — ניט דאס... זיי זיינען גלאט פערדארבען, געמיין און דערהויפט

אייגענזיכטיג, עגאָאיסטיש... דאָס איז אַ טרויעריגער, נײַן, גרויזאַמער אמת, אָבער דאָך אַן אמת! אונזער זאַך פאָרדערט מענ־שען מיט העלדענמוטה, פערטיג צו יעדער צייט זיך מקריב צו זיין.... זיי זיינען דאַרויף ניט פעהיג. אפילו ניט אויף דאָס מינ־דעסטע....

מיר האָבען זיך דערנעהנטערט צו איהר קוואַרטיר, און איך האָב גלייך זיך דערפיהלט אין אַ שרעקליכער פערלעגענהייט. דאָס האָט זיך יאָהרענלאַנג ווידערהאָלט, אז איך פלעג זי אָבפיהרען צו הויז. זי האָט איניגסט געוואונשען מיך אריינצובעטען צו זיך אין צימער און איך — מיין גאַנצעס וועזען האָט געלעכצט נאָך דיעזער איינלאַדונג, מחמת די לאַגע, אין וועלכע מיר האָבען זיך געפונען, האָט מיט אונזיכטבאַרע פעדים אונזערע הערצער צוזאַמענגעוועבט, און נור דער פערדאַכט און די מורא, אז אונזערע בעציהונגען זאָלען חלילה ניט פערשוועכט און פערוואולגאַריזירט ווערען, האָבען אָב־געהאַלטען און ניט דערלאָזען דיזען בעזוך. מיר האָבען זיך פריינד־ליך געזעגענט און נאָכדעם ווי זי איז מיט אַ דאַנקבאַרען שמייכעל אויף די ליפען פערשוואונדען הינטער די גרויסע געשניצטע טירען, האָב איך אַן איינזאַמער און מרה־שחורה'דיגער געוואַנדערט די טריט צו מיין אייגענער ענגער, גרויער וואוינונג.

א קאפריז

דאָס עלעקטרישע גלעקעל, וואָס האָט פּלוצלינג אַרויסגעלאָזט א דינעם, משונה'דיגען קלאַנג, האָט אויפגעוועקט די דיענסט־מיידעל פון איהר ארבייט. זי האָט אין איילעניש אויפגעעפענט די טהיר.

הײמאַן שטאַרקמאַן האָט איהר בעגריסט מיט א מונטערען „גוד מאָרנינג", האָט אוועקגעלייגט זיין געצייג אין א ווינקעל פון קאָרידאָר און איז אין דער בעגלייטונג פון דער דיענסט־מיידעל אריינגעגאַנגען אין עס־צימער.

ער האָט רוהיג בעטראַכט די ווענד, וואָס זיינען געווען בע־האַנגען מיט קאָסטבאַרע געמעלדען און בעציערונגען, און געפרעגט:

— קען איך זיך גלייך שטעלען צו דער ארבייט?

— זיכער — האָט געענטפערט די דיענסט־מיידעל, אָבער פריהער וועט איהר מוזען פערדעקען דאָס מעבעל און אַרונטערנעה־מען די זאַכען פון די ווענד.

— דאָס ווייס איך.

הײמאַן האָט ביי דעם א שמייכעל געטהאָן, ווי איינער, וועמען מען טהיילט מיט עטוואָס זעלבסט־פערשטענדליכעס.

די דיענסט־מיידעל, א ריהרעוודיגע און געזונדע, האָט זיך גע־

לאָזט געהן אין קיך אריין. היימאַן איז איהר ניט דרייסט נאָכגע־גאַנגען.

— וואָס איילט איהר שוין? — האָט ער געפרעגט מיט א חניפה־טאָן.

—איך בין שטאַרק ביזי — האָט די דיענסט־מיידעל קאָקעטיש א דרעה געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

היימאַן האָט זיך אָבגעשטעלט. די דיענסט־מיידעל איז ארויס פון צימער. היימאַן האָט איהר א ווײַלע נאָכגעקוקט און פיעל־בע־דייטענד א שמייכעל געטהאָן.

ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. קודם האָט ער אָבגע־רוקט אָן א זייט עטליכע שטוהלען, האָט אריינגעטראָגען און אויס־געלייגט אין אָרדנונג זיין געצייג, בעטראַכט דאָס „וואוד־קראַסטא" פּאַפּיער און האָט זיך גענומען פלינק אויסטהאָן, שטיל אונטערפּיי־פענדיג א ליעדעל. ער איז ענדליך געבליבען שטעהן אין די „אָווע־ראָלס" מיט נאַקעטע מוסקוליעזע הענד און ווייסען האַלז, האָט א טרייסעל געטהאָן מיט'ן שעהנעם געקרויזטען קאָפּ, האָט גענומען דעם „סקרייפּער" אין האַנד און האָט אין א פּאָר פּלעצער א קראַץ געטהאָן די וואַנד.

„די רום וועט נעהמען לאַנג צו מאַכען", האָט ער א טראַכט געטהאָן.

בעת ער איז אָנגעגאַנגען מיט דער ארבייט, זיינען פערבייגע־גאַנגען די בעלי בתים פון הויז, א גרויליכער, מאָגערער מאַן און זיין פרוי. עס האָט זיך געהערט אין דעם קאָרידאָר א שטילער קושען זיך און דעם מאַן'ס ווייכע שטימע: „גוד־באַי, לאָוו... גוד־באַי".

אין א ווײַלע ארום איז די פרוי אריינגעקומען אין צימער.

זי איז געווען א יונגע בלאָנדינקע, מיט בלישצענדע, שטאָלצע אויגען. זי האָט געטראַגען א זיידענע ראָזעווע „ק'מאַנא", אָהן א

קאָרסעט. עפּעס האָט זי געמאכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט גע־וען איינגעהילט אין אַ ראָזעווען ליילעך, ענטפּלעקענדיג פאַר'ן אויג די פערבאָרגענסטע ליניען פון איהר ווייכען בויגיגען קערפּער.

— איהר זאָלט זיין פאָרזיכטיג און קיין זאַך ניט איינשמירען — האָט זי זיך געווענדעט צו היימאַן'ען מיט אַ בעפעהלערישען טאָן.

איהר בליק האָט זיך אָבגעשטעלט אויף זיין געזונד ווייס פּנים, האָט אַ שוועב געטהאָן איבער זיינע נאַקעטע אָרעמס און זי האָט אָבגעדרעהט דעם קאָפּ.

היימאַן שטאַרקמאַן האָט געשוויגען.

די פרוי איז צוגעגאַנגען נאָהענט צום טישעל, האָט בעקוקט מעשה מבין דאָס „פּייפּער", וואָס היימאַן האָט ארומגעשניטען מיט אַ שאַרפען מעסער, און זי האָט צופרידען אויסגערופען:

— אָה, דהאָט פּייפּער איז ביוטיפול!

איהר קול האָט געקלונגען ווייך און גליקליך.

זי האָט ווידער געוואָרפען אַ פערבאָרגענעם בליק אויף היי־מאַן'ען, אויף זיין הויכער ברוסט און נידריגע, שטאַרקע פיס, און האָט פערביסען די אונטערשטע ליפּ.

— מאכט די רום שעהן — האָט זי געזאָגט.

היימאַן האָט געשוויגען.

זי האָט אונגעדולדיג אַ ציה געטהאָן מיט די אקסלען. איהר האָט טיעף פערדראָסען, וואָס ער רעדט ניט צו איהר... זי האָט ניט געקענט פערטראָגען, וואָס ער איז אזוי אונבעוועגליך און קאַלטבלוטיג אין איהר אנוועזענהייט...

— מאכט די רום שעהן — האָט זי ווידערהאָלט.

היימאַן האָט ניט געוואגט אויף איהר אויפצוהויבען די אוי־

נען. ער האָט מורא געהאַט מיט זיין בליק איהר צו בעליידיגען. זיין בליק וועט איהר אָפּבריהען... ער האָט מורא געהאַט צו עפענען דאָס מויל, זי זאָל ניט הערען ווי זיין קול וועט ציטערען פון אויפ־רעגונג...

— הם!.. — האָט די פרוי דייטליך אַ ברום געטהאָן און איז מיט איינגעהאַלטענע טריט אריינגעגאַנגען צו זיך אין „בעד־רום".

„ס'אַרא קאַלטער ער איז..." — האָט זי אויפגערעגט גע־טראַכט — „ס'אַראַ'ן עקשן".

די טהיר האָט זי געלאָזט אָפען.

„ער וועט ניט אריינקוקען..." האָט זי אין געדאַנקען געזוכט איינצושטילען אַ דונקעלען געפיהל פון שאַנדע, וואָס האָט פּלוצלינג זיך ערוועקט אין איהר און איהר שטאַרק בעאונרוהיגט. — „ער וועט זיך דאָס ניט ערלויבען" — האָט זי הויך ארויסגערעדט, ווי זי וואָלט געוואָלט פערטומלען אין זיך דאָס אונאַנגענעהמע געפיהל. און גלייכצייטיג האָט זי וואַהנזיניג געגאַרט צו צושמעלצען זיין שיינבאַרע קאַלטקייט, זיך נוקם צו זיין אָן איהם.

זי האָט זיך אוועקגעשטעלט ביים שפּיעגעל, האָט פונאַנדערגע־לאָזען איהר זיידענע לאַנגע האָר, האָט פאַרנאַנדערגעשפּילעט די „קימאָנאָ" און האָט זיך איינגעריבען די ברוסט מיט אַ גרינליכען פּערפיום.

זי האָט געקוקט אַ צופלאַמטע אין שפּיעגעל און פּלוצלונג האָט זי זיך אומגעדרעהט און געכאַפּט אויף זיך היימאַן'ס ווילדען, דורשטיגען בליק.

איהרע נאָז־פליגלען האָבען לייכט אַ ציטער געטהאָן. זי האָט לאַנגזאַם צוגעמאַכט די טהיר...

היימאַן איז געשטאַנען אַ פער'שיכור'טער. ער איז געווען אַ גוטער בעל־מלאכה און זיין באָס האָט איהם אימער געשיקט אין די רייכסטע הייזער. דאָרט האָט ער געזעהן אַ סך שעהנע, זאָרג־

לאזע, לוסטיגע ווייבלעך. נור איהם האט זיך געדוכט, דאס אלע האבען זיי אויסגעזעהן בלייך און נישטיג אין פערגלייך מיט דיזער מאיעסטעטישער שעהנהייט. און ער האט א טראכט געטהאן, דאס איהר מאן איז זיכער דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט...

פלוצלינג איז די פרוי אריינגעקומען צו איהם אין צימער.

— איהר דענקט היינט פארטיג צו ווערען? — האט זי גע־פרעגט.

— יא — האט הײמאן געזאגט — איך וועל טרייען היינט ענדיגען די רום.

— אלל־רייט, איך האב זעהר פיינט די אונארדנונג אין הויז...

זי האט זיך אוועקגעזעצט אויף א פלושענעם שטוהל און האט פערלייגט א פוס אויף א פוס.

היימאן האט בעמערקט, ווי דורכ'ן ווייסען, זיידענעם זאק האט זיך דורכגעזעהן איהר געטאקטער, מילכיגער פוס. זי האט גע־קוקט ווי ער האט געארבייט, נאכגעפאלגט אלע זיינע בעוועגונגען און איהם איז דאס געווארען שרעקליך אונאנגענעהם. ער האט גע־פיהלט, דאס זי שטערט איהם אין דער ארבייט. איהר אנוועזענהייט האט איהם אויפגערעגט און געפייניגט.

—איהר האט אזעלכע גרויסע הענד... — האט די פרוי גע־זאגט שפאטיש און אויף איהר געזיכט האט זיך צושפילט א מאדנער שמייכעל. זי האט גענומען אונרוהיג בייסען זיך די פינגער־נעגעל.

היימאן'ען זיינען די הענד גלייך געווארען שווער און איבעריג. ער האט געזוכט אוועקצושטעלען זיך אין אזא פאזע, דאס די פרוי זאל מעהר ניט קענען זעהן זיינע הענד.

די פרוי האט גענומען וויעגען איהר פוס און האט לייכט א קלאפ געטהאן היימאן'ען אין קניע.

— ענטשולדיגט, — האָט זיך ביי איהר ארויסגעכאפּט אַן אויפּרייסענדער געלעכטער — איך האָב דאָס ניט געמיינט...

היימאַן האָט זיך געפּיהלט ערמוטהיגט פון איהר געלעכטער און ער האָט דרייסט געזאָגט:

— נעווער מיינד, איהר האָט מיך ניט דער'הרג'עט...

— כאַ,כאַ... אייך צו הרג'ענען, דאַרף מען זיין אַ לייב — האָט די פרוי ניט אויפגעהערט צו לאַכען.

היימאַן האָט געדאַרפט אויפהענגען די „וואוד־קראָסטאַ" אויפ'ן וואַנד לעבען אָרט, וואו זי איז געזעסען און זי האָט איהם גע־שטערט.

— פּליעז, רוקט זיך אָב אַ ביסעל... — האָט ער איהר פערלע־גען אַ בעט געטהאָן. — איך קען ניט צוקומען.

— ווירקליך, אייך איז שווער צו דערלאַנגען — האָט זי נער־וועז צוזאַמענגעלעגט די ליפּען. איהר האָט אונטערגעשטופּט זיך ניט אויפצוהויבען פון שטוהל, און צו רייצען זיך, אריינברענגען אין כעס דיעזען שעהנעם גלייכגילטיגען „פּייפּער היינגער"...

היימאַן האָט ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. ער איז געשטאַ־נען מיט אַ נאַרישען שמייכעל אויפן געזיכט און האָט פערלעגען געדרעהט די „בראַש" אין האַנד.

— נו, פאַר וואָס ארבייט איהר ניט? — האָט די פרוי ארויס־רופענד געקוקט אויף איהם און איהר קול האָט לייכט געציטערט.

— איך... איך קען ניט... — האָט ער ארויסגעשטאַמעלט. און, פּלוצלוינג בעהערשט פון אַ זאָנדערבאַרען, בערוישענדען גע־פיהל, האָט ער אָנגעכאַפּט די פאָדערשטע פיסלעך פון שטוהל און צוזאַמען מיט דער פרוי עס אַ שטופּ געטהאָן אַן אַ זייט.

די פרוי איז שיער ניט אַנידערגעפאַלען און האָט זיך צושראָ־קען אָנגעכאַפּט אַן זיין האַלז.

— איהר זייט אזוי שטארק!...— האט זי צומישט אויס־גערשריען. — אזוי... אָה!...

היימאן האט געפיהלט, ווי איהם האט איינגעטונקט א הייסער ברוויזענדער שטראם. דאס הארץ האט אנגעפאנגען האסטיג צו שלאגען. און ער האט שמערצליך־זיס בעגריפען, אז דאס האט זיך צו איהם ארונטערגעלאזען א גרויסעס, זודיגעס גליק, און ער האט עס געוואלט אין גאנצען איינזאפען אין זיך. פאר זיינע אויגען האט געשוועבט א צויבערליכער, איידעלער וועזען, אזוי ווי א געשטאלט פון אן אנדער וועלט, און ער האט איהר געדריקט צו זיך און גע־ברומט, ווי א ווילדער אָקס... —

היימאן שטארקמאן האט געהאלטען ביים פערענדיגען די אר־בייט. ער האט אויסגעקוקט פרעהליך, צופלאמט און האט הויך געזונגען א ליעדעל, ווי ביי זיך אין דער היים. אין הארצען האט ביי איהם געלויכטען א שטיל פרייד. ס'ארא מזל ער האט היינט! ער האט געגלויבט, דאס די פרוי האט זיך אין איהם ווירקליך פער־ליעבט און ער איז געווען בעטרונקען מיט גליק. קיינמאל אין זיין לעבען האט איהם נאך אזא רייכע, בילד־שעהנע פרוי ניט געליעבט... ער האט געפיהלט, ווי דאס לעבען וואלט פאר איהם אויפגעדעקט זיינע טהייערסטע, אונערגרייכבארע אוצרות און זיך ביי איהם גע־בעטען, אז ער זאל דארט אונגעשטערט שעפען זיין פערגעניגען... ער האט אונגעדולדיג געווארט, די פרוי זאל אריינקומען און ער וועט מיט איהר אבמאכען, ווען זיי זאלען זיך אין געהיים צוזא־מענטרעפען.

ענדליך האט זיך אויפ'ן שוועל בעוויזען די פרוי. זי איז געווען איינגעשנורעוועט אין א זיידענעם, טונקעל־בלאען קלייד, וואס האט געמאכט איהר פיגור צארטער און אנציהענדער.

— ווען וועט איהר שוין ענדיגען? — האט זי געפרעגט. איהר געזיכט איז געווען רוהיג און קאלט.

— באַלד, באַלד... — האָט היימאַן צערטליך געענטפערט.

ער איז צוגעגאַנגען נאָהענט צו דער פרוי און האָט מיט די פייכטע פינגער איהר א שטאַרקען קניפּ געטהאָן אין באַק.

— וואָס טהוט איהר? — האָט די פרוי זיך אונצופריעדען פערקרימט.

היימאַן האָט זיך צולאַכט. ער האָט דרייסט אויסגעשטעלט די ברוסט און איהר פעסט אָנגענומען פאַר'ן האנד.

— וואו וועלען מיר זיך טרעפען? — האָט ער וואויל־יונגיש א וואונק געטהאָן. — הא?... וואו?...

— וואָס מיינט איהר? — האָט די פרוי געמאַכט א שטאַלצע מינע.

זי האט איהם אבגעמאסטען מיט אויגען פול פעראַכטונג.

— אזוי, איהר ווילט מיך זעהן? — האָט די פרוי סאַרקאַסטיש געפרעגט און האט גענומען לאַכען און זיך געבויגען ווי א שלאַנג.
— מי—ך זעה—הן?... כאַ־כאַ...

היימאַן איז אבגעטראָטען אויף הינטערוויילעכטס און איז ווי פערשטומט געוואָרען פון איבעראַשונג.

— כאַ־—כאַ־כאַ... — האט די פרוי ניט געקענט איינהאַלטען אין זיך דאס געלעכטער. — מיך זעהן? ווער זייט איהר? איהר נאַר...

זי איז לאַכעדיג אַריינגעלאָפען אין א צווייטען צימער און האָט פלינק פערשלאָסען הינטער זיך די טהיר.

היימאַן האָט זיך אנגעשפּארט מיט'ן רוקען אן דעם ראַהם פון טהיר און האט מאַכטלאָז פערדריקט די פויסטען, א פערשטויסע־נער און בעליידיגטער. ער האָט שמערצליך בעגריעפען, דאָס די

פרוי האָט זיך מיט איהם בלויז געשפּיעלט אַ ווײלע... און ער האָט איצט געקוקט אויף זיך, ווי אויף אַ גרויסער, געזונטער בהמה, וואָס מען האָט אַ גלעט געטהאָן און גלייך מיט אַ בייטש צו־וואונדעט איהר לייב און נשמה...

ער האָט פיבעריש־שנעל אָבגעטהאָן זיין ארבייט, האָט צוזאַמענגענומען זיין ארבייטס־געצייג און האָט ווי אַ שאָטען, אונבעמערקט, זיך ארויסגערוקט פון הויז.

די ניט געווינשטע בלום

(א פראגמענט)

...עס איז ווירקליך געווען ווי איך האב ערווארטעט: ארום פינף נאכמיטאג זיינען זיי ביידע ארויסגעקומען פון הערמאן'ס הויז און זיך געלאזט געהן אין פארק אריין. מאטילדא האט איהם געהאלטען אונטער'ן ארעם און מונטער געפלוידערט. צו מיר האט זיך דערטראגען א שוואכער אבקלאנג פון איהר וייכען, בעצויבער־ענדען קול... א קליינינקע, אונענדליך צארטע, מיט א לויטערען שיינענדען פנים איז זי לאנגזאם געשוואומען אויף דער ערד, ווי א ווארימער, זינגענדיגער טרוים.... און ער איז געגאנגען לעבען איהר רוהיג און פויל און האט געשוויגען.

איך האב זיך ארויסגערוקט פון מיין בעהעלטענים און בין, א נידערגעשלאגענער און צוואוועהטאגטער, זיי נאכגעגאנגען שטיל, ווי א גנב. מיין געוויסען האט מיך געמאטערט. איך האב געפיהלט, דאס איך בעגעה דא א פערברעכען. זי האט דאך אזוי שטארק גע־זוכט צו פערבארגען איהר ליעבע צו איהם! און איך האב איהר סוד אויסשפיאנירט...

— איך בין א שפיאן... — האבען געמורמעלט מיינע טרוקענע ליפען — א שפיאן...

אין פּאַרק האָב איך זיך צוגעשפּילעט מיין רעקעל אויף אַלע קנעפּ און בין געקראָכען אויפ'ן גראָז, זיי זאָלען מיך ניט בעמערקען... און געפיהלט האָב איך, דאָס ווען ער דערזעהט מיך אַזוי קריכענדיג, וואָלט איך איהם גע'ממית'ט. איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך געצאַפּעלט אין מיינע אייזערנע הענד; ווי זיינע אויגען וואָלטען זיך אָנגעגאָסען מיט שרעק און בלוט; און איך האָב קוים דערשטיקט אין זיך א בייז געלעכטער, איך בין געקראָכען...

זיי האָבען זיך אָװעקגעזעצט ביים פוס פון אַ קליין בערגעל און איך האָב זיך אויסגעצויגען אויפ'ן שפּיץ בערגעל, אויפ'ן נידריגען וואַרעמען גראָז.

איבער מיר האָט זיך איינגעבויגען אַן אַלטער בוים און זיינע ברייטע פערצווייגטע בלעטער האָבען זיך ארונטערגעלאָזען נידריג צו דער ערד. די נאַטור ארום מיר האָט פאָרגעשטעלט א וואונדערבאַר, פראַכטפאָל בילד. געדיכטע, בליהענדע, גרינע בוימער האָבען זיך אין א שלאַנקער רייהע ארונטערגעלאָזט פון בערגעל, ווי א רעגימענט סאָלדאַטען, וואָס שטעהען כסדר אויף דער וואַך. ניט ווייט הינטער'ן בערגעל האָט זיך געצויגען א ברייטער געפּלאַסטערטער וועג, וואו עס האָבען קורסירט אויטאָמאָבילען, עקיפּאַזשען און וועלאָסיפּעדיסטען. ווייטער א ביסעל האָט געשטראָמט א וואַסער שטיל, רוהיג, בישוף'דיג, מיט צוקאַרבטע פערוואַקסענע ברעגעס. אויפ'ן אנדער זייט טייך האָט זיך גדלות'דיג געהויבען א בארג אין גאַנצען ווי אויסגעגאָסען פון גאָלד. די בלאַנקע זונען-שטראַהלען זיינען געפאַלען אויפ'ן בארג און די בוימער און האָבען איינגעוויקעלט די צויבערפולע פּאַנאָראַמע אין אַ ים זונען-שיין. די לופט איז געווען פריש און אָנגענעהם. ערגעץ אויף א בוים האָט געצוויטשערט אַ נאַכטיגאַל. הויך אין דער לופט האָבען זיך געטראָגען סטאַיעס פויגלען. און אונטען ביים פוס-בערגעל האָט מאַטילדא גענלעט צערטליך הערמאַן'ס האַנד און געקוקט אויף איהם מיט פערליעבטע אויגען....

איך האָב אָנגעשפּיצט די אויערען — אפשר וועט זיך דער-

טראָגען צו מיר דאָס עכאָ פון איהר קול. אָבער איך האָב גאָר ניט געהערט. גאָר ניט. בלויז דאָס צוויטשערען פון נאַכטיגאַל האָט מיר געקלונגען אין די אויערען....

איך האָב צוגעשלאָסען די אויגען און באַלד האָט זיך מיר אויסגעדוכט, דאָס איך הער דייטליך, ווי זי שעפּטשעט: „ליעבינ־קער הערמאַן, ליעבינקער...."

א ווילדער כעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט. איך האָב פערש־צעמעט די ציין.... טפוי, ווי מיאוס, ווי עקעלהאַפט! ווי האָט זי עס געקאָנט אזוי אַרונטערזינקען? זי וויל זיך פּשוט אַרויפצווינגען אויף איהם. זי וויל ביי איהם אויסבעטלען ליעבע.

— כא־כא־כא — האָט זיך אַרויסגעריסען ביי מיר א קאַלטער געלעכטער. — „זי וויל אויסבעטלען ליעבע"....

איך האָב זיך אָנגעשמרענגט אַרויסצורופען אין זיך צו איהר אַן אמת'ען האַס, פעראַכטונג. איך האָב געוואָלט זי פאָרשטעלען פאַר זיך אין א שווארצען אבשייליכען ליכט און זיך רייצען מיט זיך אליין.... — „אהא, דו זעהסט, ווי זי זעהט אויס אין דער ווירקליכקייט? דו האָסט זיך טועה געווען אין איהר די גאַנצע צייט. זי איז א פּראָסטע, לייכטזיניגע מיידעל. נו, זי האָט א שעהן פּנים'על? איז וואָס? שעהנע מיידלעך זיינען ניט קיין זעלטענ־הייט". אָבער די ליעבע צו איהר האָט זיך ניט געלאָזט גובר זיין. פון הינטער דעם נעבעל, וואָס איך האָב געוואָלט אויסוועבען אַרום איהר געשטאַלט, האָט זיך אַלץ דייטליכער און דייטליכער גענומען אַרויסרוקען איהר לויטערער שיינענדער פּנים און איהר ווייך בעצווי־בערענד קול. איך בין געוואָרען שוואַך. מיין כעס איז ביסלעכ־ווייז צושמאָלצען געוואָרען, ווי שנעע אונטער גליהענדע זונען־שטראַהלען.

„אָבער פאַר וואָס האָט זי מיך אזוי בעהאַנדעלט?" — האָב איך זיך געוועהרט געגען דיזען שרעקליכען געפיהל, — אויב זי איז צו מיר געווען גלייכגילטיג, האָט זי מיר ניט געטאָרט געבען קיינע האָפנונגען!"

איך האָב זיך דערמאָהנט, ווי מיר פלעגן שפּאַציערען צוזאַמען, געהן אויף בעללער, אונטערהאַלטונגען, פּיק־ניקס, און אימער האָבען איהרע סאַמעטנע אויגען געקוקט אויף מיר אזוי פערשפּרעכענד און צארט.

„וואָס־זשע, האָט איהר הערמאַן אוועקגערויבט פון מיר? אָבער ווי אזוי? ער איז דאָך צו איהר אזוי גלייכגילטיג!"

און פּלוצלינג האָט זיך ביי מיר ערוועקט א נייער שוידערליכער געדאנק: „אפשר האָט זי מיך בלויז געוואָלט אויסניצען? אפשר האָט זי ד ו ר ך מ י ר געוואָלט א י ה ם אויפערזיכטיג מאַכען"?

מיינע הענד האָבען זיך קראַמפּפהאַפט צוזאַמענגעדריקט. וואָלט איך געווען זיכער, אז דאָס איז געווען איהר מאָטיוו, וואָלט איך איהר דערשטיקט.

אויף דעם גאָלדענעם בארג, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אנטקעגען מיר, האָבען זיך בעוויזען א רייטער און א רייטערקע. זיי זיינען ביידע געזעסען פעסט אין זאָטעל, יונג און קרעפטיג, און ווען זיי האָבען דערגרייכט דעם שפּיץ פון בארג, האָבען זיי אָבגעשטעלט די פערד און זיינען ווי פערגליווערט געוואָרען, בעטראַכטענדיג די לאַנדשאַפט. ווייט, ווייט אויפ'ן הימעל זיינען געשוואומען זילבערנע וואָלקענדלעך און דער נאַכטיגאַל אויפ'ן בוים האָט געצוויטשערט, ווי ער וואָלט געזונגען אן אייביג ליעד פון עלענד און בענקשאַפט.

— מאַטילדא, מאַטילדא... — האָב איך פּלוצלונג גענומען שעפּטשען — געה אוועק פון איהם. ער האָט דיך פיינט. קום צו מיר. איך וועל דיך איינטונקען אין די פלאַמען פון מיין ליעבע. איך וועל דיר אוועקגעבען מיין נשמה. דו וועסט זיין מיין שטאָלצע הערשערין, די קרוין פון מיין לעבען...

פּלוצלינג בין איך געוואָרען אונרוהיג. איך האָב דערשפּירט,

דאָס אימיצער געפינט זיך לעבען מיר און איך האָב זיך פלינק אומגעדרעהט.

— אהא !

מערי איז געשטאַנען הינטער מיר און מיט ביידע הענד פעסט ארומגענומען א בוים און איהר קאָפּ איז געלעגען אויפ׳ן בוים, ווי אויף דער ברוסט פון א געליעבטען. אין דער רעכטער האַנד האָט זי געהאַלטען א פּראַכטפאָלע פייערדיג־רויטע בלום. איהר פּנים איז געווען בלייך, כמעט בלוטלאָז און די אויגען זיינען געווען פער־שטאַרט ווי ביי איינעם, וואָס הערט אוים זיין טוידט־אורטהייל...

ביי מיר איז באַלד קלאָר געוואָרען, דאָס זי געפינט זיך דאָ ניט צופעליג, דאָס זי האָט מיר נאָכגעשפּיאָנירט.

— מערי ! — האָב איך צאָרענדיג אויסגעשריען — ווי האָט איהר געוואגט ?

זי האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן, האָט מיך אָנגעקוקט הילפלאָז און רחמנות׳דיג, און זיך לאַנגזאַם דערנעהנטערט צו מיר.

— איך... איך האָב ניט געמיינט קיין בייז... — האָט זי ארויסגעשטאַמעלט... — איך האָב געוואָלט זיין לעבען אייך... איך האָב אייך געבראַכט אַ בלום.

איהרע אויגען האָבען אויסגעדריקט איבערגעבענהייט, אָפּפער־ווילינקייט און גרענצלאָזע וואהנזיניגע ליעבע.

— איך האָב אייך געבראַכט אַ בלום — האָט זי שטיל ווי־דערהאָלט און האָט מיט שרעק אויסגעשטרעקט די האַנד.

— איך וויל ניט אײַער בלום — האָב איך זיך בייז אָבגע־קעהרט. — איך פערבאָט אייך, מיר נאָכצושפּיאָנירען.

איהר געזיכט האָט שמערצליך א צוק געטהאָן און איהר קער־פּער האָט זיך צוזאַמענגעבויגען ווי איך וואָלט אַ בייטש אויף איה־רע פּלייצעס ארונטערגעלאָזען.

— ענטשולדיגט — האָט זי קוים אַרויסגעבראַכט. — ענט־שולדיגט.

אונטען האָט מאַטילדאַ זיך געטוליעט צו הערמאַן׳ען און גע־האַלטען זיין האַנד אויף איהר יונגער האַרטער ברוסט. אין מיר האָט זיך פּלוצלונג ערוועקט אַ פערלאַנג זיך נוקם צו זיין אָן איהר, צושטערען איהר רוה. איך האָב האַסטיג אַרויסגעריסען ביי מע־רי׳ן פון האַנד די בלום און בין אַרונטערגעלאָפען פון בערגעל.

— מאַטילדאַ — האָב איך גענומען שרייען, לויפענדיג — איך האָב אייך געבראַכט אַ בלום, אַ וואונדערבאַרע בלום.

מאַטילדאַ האָט אַ ציטער געטהאָן. קענטיג, זי האָט מיך ניט ערוואַרטעט. איהרע דינע רויטע ליפּעלעך האָבען אָנגענומען אַ ברוגז׳ע מינע און זי האָט קאַלט געפרעגט:

— ווי קומט איהר אהער?

— כאַ־כאַ־כאַ! — האָב איך זיך הילכיג צולאַכט — איך האָב אייך געבראַכט אַ בלום.

מאַטילדאַ איז אַ ווייַלע געזעסען אונענטשלאָסען, האָט מיך פאַרשענד אָנגעקוקט און געזאָגט:

— אַ וואונדער, ווי איהר האָט מיך אויסגעפונען?

אַ ווייַלע האָט געהערשט אַ פּייַנליכע שטילקייט. אין מאַ־טילדאַ׳ס אויגען האָט זיך אָנגעצונדען אַ צאָרענדיג, ראַכזיכטיג פייערל. זי האָט ביי מיר שווייגענדיג צוגענומען די בלום און זיך געווענדעט צו הערמאַן׳ען:

— הערמאַן, דו ווילסט אַ בלום?

און האָט טראַטציג און אַרויסרופענד מיך אָבגעמאָסטען מיט איהרע בליקען.

— לאָז מיך צורוה — האָט הערמאַן לייכט אָבגעשטויסען איהר האַנד און זיך אויפגעהויבען פון דער ערד. ער האָט זיך פויל

אויסגעצויגען און זיך ארומגעקוקט. אויפ'ן שפּיץ בערגעל האָט ער דערזעהן מערי'ן שטעהענדיג אונבעוועגליך, ווי א סטאטוע. זי האָט געהאלטען די הענד צוזאמענגעלעגט אויף דער ברוסט, ווי זי וואָלט מורא געהאט, די הארץ זאָל איהר ניט ארויסשפּרינגען.

דאָס בלוט האָט איהם פלוצלונג ארייגעשפּארט אין די באַקען און אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען א ליידענשאפטליך פייערל. ער האָט א טרייסעל געטהאָן דעם שעהנעם געקרוייזטען קאָפּ, ווי א פערד, וואָס לויפט ארויס פון וואסער.

— מערי איז דאָ! — האָט ער פריידיג אויסגעשריען. ער האָט א ווײַלע געקוקט אויף מערי'ן דורכדרינגליך און צערטליך, ארומגעכאפּט פון זיין שטארקע ליעבע צו איהר, און ווען זיין בליק איז צוריקגעפאלען אויף מאטילדא'ן, האָט זיך זיין פּנים פערקרימט מיט עקעל.

— גיב מיר די בלום — האָט ער, צוטראָגען, זיך געווענדעט צו איהר און גענומען פּאַכען מיט'ן טאשען־טיכעל צו מערי'ן.

אָבער מאטילדא האָט זיך אויסגעבויגען, ווי א שלאנג, און די בלום ווייט אוועקגעוואָרפען — זי איז אין וואסער אריינגעפאלען.

מיר האָבען אלע פיער זיך דורכגעקוקט מיט שטומע, האָפנונגסלאָזע, אומעדיגע בליקען און איך האָב שטיל א זיפץ געטהאָן.

דער נאכטיגאל אויפ'ן בוים איז אנטשוויגען געוואָרען. משמעות, ער איז ערגעץ אוועקגעפלויגען...

אַ דועט

זונטאָג נאָכמיטאָג. דאָרא פּערל איז געלעגען אויף דעם לעדערנעם דיוואַן, אַן אויסגעניייט קישעלע אונטער'ן קאָפּ, און געטראַכט. דאָס פענסטער איבער איהר קאָפּ איז געווען אָפען און אין שטוב האָט זיך אַריינגעגאָסען אַ קיהל, פייכט ווינטעל. די זון איז פערקראָכען ערגיץ הינטער'ן ריעזיג גרויסען טענעמענטהויז, און איהרע זילבערנע מאַטע שטראַהלען האָבען זיך געשאָקעלט, ווי שיכור'ע, אויף דער אנטקעגענדיגער וואַנד. עס איז געווען שטיל, אַזוי שטיל, ווי די גרויסע שטאָדט וואָלט אין חלשות געפאַלען...

דאָרא האָט שטאַרק צוזאַמענגעפּרעסט די אויגען און אין דער פינסטערניש האָבען זיך אָנגעצונדען פאַנטאַסטישע, קאָלירען־רייכע פייערלעך. איהר איז עס געווען שמערצליך אַנגענעהם. באַלד אָבער האָבען איהר די אויגען גענומען וועה טהאָן. זי האָט זיך אַ ווײַלע אָנגעשטרענגט צו האַלטען די אויגען צוגעמאַכט, ווי זי וואָלט זיך ניט וועלען בעפרייען פון דעם זיסען וועהטאָג. ענדליך האָט זי געעפענט די אויגען, טיעף אָבגעזיפצט, זיך אויפגעהויבען און גענומען אַרומשפּרייזען איבער'ן צימער. און דער נאָגענדער, מאַטערענדער געדאַנק, וואָס זי האָט אַזוי געוואָלט פון זיך פערטרייבען, איז געגאַנגען צוזאַמען מיט איהר הין און צוריק.

— ס'איז שרעקליך! — האָבען אַרויסגעמורמעלט איהרע טרוקענע ליפּען.

די איינזאַמקייט האָט איהר געדריקט, ווי אַ שווערער אָנגע־גליהטער שטיין. שוין זשע וועט זיך אימער אזוי ציהען איהר לע־בען? די גאַנצע וואָך, וואָס זי האָט זיך געפונען אין שאָפּ, האָט זי זיך פערטויבט מיט'ן גערויש פון די מאַשינען, זיך צושטרייט מיט די פּלוידעריי פון די שאָפּ־מיידלעך. ווען עס איז אָבער אָנגעקומען דער „זונטאָג" איז זי געלעגען ביז שפּעט אין טאָג אויפ'ן בעטעל ביי זיך אין צימער, און אַ טיעפער אומעט האָט געפּרעסט איהר נשמה. די פערגאַנגענע וואָך האָט זיך, ווי דורך אַ כישוף, דערווייטערט פון איהר, און איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי שטעהט אָן אַ זייט און זעהט ווי אַ וואָך פון איהר עקזיסטענץ רוקט זיך טהיילווייז פערביי און עס בלייבט אַ פּוסטער דונקעלער פּלאַץ... זי האָט געזעהן זיך זעלבסט זיצענדיג ביי דער מאַשין וואו יעדער שטאָך פון נאָדעל האָט פערשלונגען אַ סעקונדע פון איהר לעבען. זי האָט געהערט די שאָפּ־מיידלאך, רעדענדיג וועגען בחורים, מאָדעס, ליעבע־שפּיעלע־רייען, און זיך געוואונדערט ווארום זי קען זיך ניט צוזאַמענמי־שען מיט די איבעריגע מיידלעך און געפינט זיך ניט קיין רוה און צופרידענהייט? פאר וואָס האלט זי זיך אזוי אבגעזונדערט פון אַלעמען? איז זי ווירקליך אַזוי ענטוויקעלט, אַזוי אינטעליגענט? אָדער, אפשר, איז זי גאָר קראַנק? און זי האָט דערשראָקען גענומען טאַפּען זיך דעם קערפּער, זיך געקנייפּט, געריבען נערוועז די פינגער און געזיפצט האָפנונגלאָז.

היינט זיינען מערי און איהר מאַן, ביי וועמען זי איז אויף קווארטיר, אַוועקגעפאָהרען זיך באָדען אויפ'ן ברעג ים. זיי האָבען איהר איינגעלאַדען, געבעטען מיטצופאָהרען. זי האָט זיך ענטזאָגט. זי האָט געוואָלט בלייבען אַליין מיט איהר טרויער. אגב, האָט זי פערדעכטיגט, אַז זיי האָבען איהר איינגעלאַדען נור לפנים, אַז אין דער ווירקליכקייט ווילען זיי ניט, זי זאָל זיי שטערען מיט איהר אנ־וועזענהייט. און עס איז גאָר קיין עולה ניט. וואָלט זי געהאַט מיט וועמען אויסצופאָהרען, איינעם וואָס איז איהר ליעב און טהייער, וואָלט זי אויך ניט געוואָלט, מען זאָל איהר שטערען...

זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי זי איז מיט פיער יאָהר צוריק צוזאַמען מיט מערי'ן אָנגעקומען אין אַמעריקאַ.ביידע זיינען זיי קוזינעס, אין באַליבאַטישע פאַמיליעס ערצויגען געוואָרען, אין רוסישע גימנאַזיעס געגאַנגען, געוואָרען געהיט און געקעכעלט. בעזאָנדערס האָט מען איהר, דאָראַ'ן, שטאַרק געצערטעלט. נור עס איז געקומען אַ שווארצע שעה, אַ פּאָגראָם האָט אויסגעבראָכען, מען האָט זייערע עלטערענס פערמעגען צוראַבירט, בדיל הדל גע־שטעלט. איהר פּאָטער איז פון עגמת נפש געשטאָרבען. אַ קרוב אין אַמעריקאַ האָט געראַטהען די מיידלעך, זיי זאָלען אהין קומען — ניט געווען קיין ברירה, איז מען געפאָהרען. דאָראַ און מערי זיינען אין דעם נייען לאַנד אונשיידבאר געווען. זיי האָבען אין איין שאָפּ געאַרבייט, אויף איין קוואַרטיער איינגעשטאַנען און דיזעלבע קליידער געטראָגען. אָבער מערי איז געווען אינגער, ווייכער, לעבענסלוסטיגער. זי האָט זיך צו די נייע אומשטענדען צוגעפּאַסט, האָט די נייע שפּראַך גיך איבערגענומען, האָט פערגעסען דעם היימישען יחוס, און זיך אַ סך פריינד ערוואָרבען. אין איהר האָט זיך אַן אַפּטייקער פערליעבט, זי האָט חתונה געהאַט און איז גליקליך געווען. ניט אַזוי דאָראַ. זי איז געווען האַרט און שטאָלץ. זי האָט זיך איינגעפּלאַנצט אויפ'ן אַמעריקאַנער באָדען, ווי אַ פרעמדער בוים וואָס די נייע ווינדען האָבען ניט געקענט ברעכען, אפילו ניט איינבויגען...

איבעראַל האָט זי מיט זיך מיטגעטראָגען דעם בעוואוסטזיין פון איהר עדעלער אָבשטאַמונג, פון איהר ווירדע און בילדונג און ניט געפונען, ווער עס זאָל עס אָבשאַצען. די ענגלישע שפּראַך איז איהר געווען פרעמד. זי האָט ניט געהאַט קיין לוסט איהר צו בע־הערשען און האָט רק געלעזען רוסישע ביכער, האָט גערעדט און גע־פיהלט רוסיש.

נאָך מערי'ס חתונה איז זי געוואָרען גאָר עלענד. די חתונה האָט צווישען די קוזינעס אַן אונזיכטבארע וואַנד אויפגעבויט, האָט זיי דערווייטערט און פערפרעמדט. מערי איז געווען משונה'דיג איבערגעבען איהר מאַן, האָט זיך ווי אַ הינטעל געלאַשצעט צו

איהם, האָט איהם איהר גאַנצע ליעבשאַפט און צייט אוועקגעגעבען. דאָרא'ן האָט עס אינערליך געקרענקט און זי האָט די קוזינע שטילערהייד פעראכטעט.

דאָרא האָט זיך צוריק אוועקגעלעגט אויפ'ן דיוואַן. וואָס זוכט זי? וואָס נאָגט איהר אַזוי דאָס הארץ? זי האָט צוגעמאַכט די אויגען, האָט ארויפגעלעגט די הענד אויפ'ן קאָפּ און זיך צוגעהערט צום שטילען געדויש פון איהרע רעיונות.

פּלוצלינג האָט אַ קול די שטילקייט צוריסען. אַ טיעפער, ווייכער באריטאָן האָט געזונגען פרוג'ס אַ רוסישע ליעד. דאָס קול האָט געקלונגען מיט אונענדליכער בענקשאַפט, מיט איינזאַמקייט און ליידען. אַ תפילה, אַ געבעט האָט אַ פערוואונדעטע הארץ ארויס־געקרעכצט.

דאָרא האָט זיך אַן ערשטוינטע אויפגעכאַפּט און ארויסגע־רוקט דעם קאָפּ פון פענסטער. אנטקעגען האָט אויף איהר שטום און מרה שחורה'דיג געקוקט די וואַנד. די פענסטער זיינען געווען האַלב אָפען און פוסט.

„וואו זינגט מען עס?" — האָט זי געפּרופט טרעפען און ניט געקענט. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס ליעד גיסט זיך גלייכ־צייטיג פון אַלע פענסטער ארויס און אַז אומעטום טרויערט אימי־צער און טרוימט.

די פרישע זיסע מענער־שטימע האָט דאָרא'ן ווי בערוישט. אונערוואַרטעט פאַר זיך זעלבסט איז זי צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, זיך די אויגען אויסגעווישט, די האָר צוגעריכט און מיט זעלבסט־צופריעדענהייט הויך געזאָגט:

— איך בין נאָך שעהן....

און זי האָט זיך אומגעקוקט, ווי הינטער איהר וואָלט ע ר געשטאַנען, וואָס האָט איהר שעהנקייט געאורטהיילט.

דאָס אונבעקאַנטע קול האָט איהר לייכטער און היימליכער גע־

מאכט אויפ'ן הארצען. עס האט אויף איהר פנים א ליעבליכען שמייכעל אנגעטהאן און געצויגען צו זיך, אזוי געצויגען....

„ווי זעהט ער אויס?“ — האט דארא זיך פרובירט פארשטעלען דעם זינגער. און אין איהר פאנטאזיע האט זיך ארויסגעוויקעלט א הויכע מענליכע פיגור מיט א יונגען, צארטען געזיכט און שווארצע האר. אויגען האט ער טיעפע, גרויסע, פלאמענדע, וואס האבען געבריהט מיט זייער איידעלער ליידענשאפט.

„ער איז ניט ווי אלע אנדערע.... ניט ווי מערי'ס מאן....“ — האט דארא מיט פרייד געטראכט. — „ער מוז זיין א גוטער, א נאבעלער....“

דאס קול האט זיך איבערגעריסען. א ווײלע איז געווען שטיל און פלוצלינג האט דאס קול ווידער אויפגעקלונגען. דיזען מאל מיט גרענצלאזער ליעבע און תאוה. די גליהענדע טענער, וואס האבען געוויינט אויף דער אלמעכטיגקייט פון ליעבע, האבען דארא'ן אנגעצונדען מיט טיעפען בענעהר. איהר האט זיך שטערבליך געגלוסט צודריקען זיך צום זינגער'ס ברוסט און קושען איהם און וויינען, קושען און וויינען....

„ווער איז ער?“ — האט זי אויפגערעגט געטראכט — „וואס האט איהם געצוואונגען צו קומען אין אמעריקא? האט איהם אהער געבראכט די נויטה, אזוי ווי מיך, אדער עפעס אנדערש?....“

עס האט זיך אנגערוקט דער אבענד און האט אויסגעלאשען די זונען־שטראהלען. עס איז געווארען דונקעל און אומעטיג.

„ווען ער זאל וויסען, אז איך וויל איהם זעהן, אז איך ווארט אויף איהם, וואלט ער געקומען?....“ האט זי געטראכט.

„יע, זיכער, זיכער“ — האט איהר זעלבסט־ליעבע איהר איינגערעדט.

זי האט געפיהלט, דאס כאטש זי האט איהם קיינמאל ניט בעגעגענט, דאך ווען זי זאל איהם ערגעץ זעהן, וואלט זי איהם

באלד דערקענט. פלוצלינג איז איהר איינגעפאלען א מאדנער גע־דאנק — אפשר וועט ער ארוים קומען אויפ'ן גאס? און ניט אב־געבענדיג זיך קיין חשבון, האט זי זיך אנגעטהאן, איז ארונטער־געלאפען פון די טרעפ און האט זיך אוועקגעשטעלט ביים אריינ־גאנג פון הויז. זי האט געווארט. דרויסען איז געווען א טומעל און א הוזשעריי. אין דעם קארידאר זיינען אריין און ארוים בעבערדעלטע מענער, אלטע ווייבער, פערפוצטע מיידלעך מיט בחורים. קינדער האבען זיך געשפיעלט און געשלאגען. א י ה ם האט זי ניט געזעהן. איהר איז געווארען אונהיימליך צו שטעהן.

„אך, איך בין א נאר! וואסווארט איך?" — האט זי זיך אליין אויסגעמוסר'ט און איז לאנגזאם ארויף צוריק אין שטוב.

ווען זי האט געעפענט די טהיר, האט איהר ווידער בעגעגענט זיין קול. ער האט איצט געזונגען שוּבערט'ס סערענאדא. דיזע וואונדער־זיסע, אונענדליך־צארטע מעלאדיע, וואס זי האט אזוי גע־ליעבט, האט איהר בעצויבערט.

„לייזע פלעהען מיינע ליעדער,
דורך די נאכט צו דיר
אין דען שטיללען האין הערניעדער,
„ליעבכען, קאם צו מיר...."

האט ער געזונגען אין דייטש און זיין שטימע האט אויסגעדריקט אזוי פיעל ווייכע, העלדישע, זעלבסט־אויפאפפערענדע ליעבע, דאס דארא האט זיך ניט געקענט בעהערשען. זי האט פלוצלינג הויך אויסגעשטעלט די ברוסט און פול ענטציקונג מיט א צערטליכער סאפראנא איהם ערוויעדערט:

„פליסטערענד שלאנקע וויפּפּעל רוישען
אין דעם מאנדעס ליכט, אין דעם מאנדעם ליכט,
דעם פעררעטערס פיינדליך לוישען
פירכטע האלדע ניכט, פירכטע האלדע ניכט...."

איהר קול, דורכגעזאפּט מיט א פערשטיקטען פערלאנגען, האט זיך ווי א וועה־געשריי דורכגעטראגען אין דער לופטען.

ע ר איז אנשוויגען געוואָרען....

„ער האָט מיך דערהערט“.... — האָט דאָרא ערפרעהט גע־טראַכט. — „ער איז איבעררואשט.... פערשטעהט ער מיך?“

און ווי אַלס א תשובה צו איהר, האָט ער בעגייסטערט ארויס־געדונערט:

„לייזע פלעהען מיינע ליעדער
דורך די נאַכט צו ד י ר....

„צו דיר“ — האָט ער בעטאָנט מיט א בעזונדערער ווייכקייט און זיסקייט און זי האָט איהם אונטערגעכאַפּט:

„אין דען שטיללען האַין הערנידער,
ליעבכען, קאָם צו מיר....“

און צוויי מענשען, פרעמדע, עלענדע, האָבען לאַנג געזונגען צו־זאַמען, זיך גערופען, געשוואָרען זיך ליעבע, אויפריכטיג און וואַרים, אין דעם גרויען טענעמענט־הויז, וואָס האָט זיי אזוי גרויזאַם פער־שלונגען....

מאקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

אידישער פערלאג
פיר ליטעראטור
און וויסענשאפט.

נייע ביכער

נאָר וואס ערשיענען

און וועלכע וועלען קירצליך ערשיינען אין מייזעל'ס פערלאג.

פאלשטענדיגער קאטאלאג ווערט געשיקט פריי

עס ווערט פערפערטיגט צום דרוק און וועט קירצליך ערשיינען אין דיזען פערלאג די

אידישע געשיכטע פאר שולען

פון ש. דובנאוו.

איבערזעצט פון ח. ליעבערמאן און מייטע ליוושיץ.

דער מאנגעל אין א טעקסט בוך פון אידישער געשיכטע האט זיך זעהר שמערצליך געפיהלט אין די נאציאנאל־ראדיקאלע שולען פון דעם ערשטען מאמענט פון זייער גרינדונג ביז היינטיגען טאג. די געשיכטע האט געמוזט געלערנט ווערען אויסווענדיג און דער גאנצער למוד האט דורכדעם שטארק געליטען. דער פערלעגער האפט דעריבער, אז די איבערזעצונג פון ש. דובנאוו'ס שול־געשיכטע איז א דבר בעתו און וועט ווארעם בעגריסט ווערען פון אלע לעהרער און מתעסקים פון די דאזיגע שולען, ווי אויך פון די קינדער, וועלכע בעקומען אין זיי זייער אידישע ערציהונג.

רוים און ירושלים

די לעצטע נאַציאָנאַליטעטען־פראַגע
פון מאזעס העס

איבערזעצט אין אידיש און מיט אן אבהאנדלונג וועגען מאזעס העס און זיינע שריפטען

פון דר. נ. סירקין.

דאס ווערק פון מאָזעס העס: „רוים און ירושלים“, וועלכעס איז דאס בע־דייטענדסטע ווערק וועגען ציוניזם און די פילאזאפיע פון יודענטום, האט שוין לאנג געדארפט איבערזעצט ווערען אין אידיש. זייט די דרייסיג יאהר פון אידישען נאציאנאליזם און ציוניזם איז נאך ניט פערפאסט געווארען א בוך אויף דיעזען געביעט, וועלכעס זאל זיך קענען מעסטען מיט מאזעס העס' „רוים און ירושלים“. דער ראדיקאלער ציוניזם און די מאדערנע פילאזאפיע פון יודענטום האבען פאריינס געשעפפט פון דעם אונשטערבליכען ווערק פון מאָזעס העס און דער ארויסגעבער איז איבערצייגט, דאס ער וועט מיט דער איבערזעצונג פון „רוים און ירושלים“ ווירקליך בערייכערען די נייע אידישע ליטעראטור.

אן אבהאנדלונג פון פופציג זייטען וועגען מאזעס העס און זיין ווערק, גע־שריבען פון דר. נ. סירקין, וועט אויפקלערען דעם לעזער וועגען דאס לעבען, דאס ווירקען און די שעפפונג פון דעם גרויסען אויטאר.

דאס בוך וועט זיין פון 350 ביז 400 זייטען, שעהן געדרוקט, רייך געבונדען.

פרייז 1 דאלאר.

פנחס בן־עמי
(פ. רוטענבערג)

די נאַציאָנאַלע ווידערבעלעבונג פון דעם אידישען פאָלק

"Si scopron le tombe, si levano i morti..."
„עס עפענען זיך קברים, די מתים ערוואכען..."
(אויס דעם ליעד פון די גאריבאלדיער)

אויס דעם רוסישען מאנוסקריפט איבערזעצט
פון ב. ריווקין

הויפט־פערקויף:
מאקס נ. מייזעל
אידישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 GRAND ST., N. Y.
1915

פרייז 10 סענט

די אידישע רעליגיאָן
אין דער
נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער ערציהונג

פון

ח. ליעבערמאַן

מ א ק ס נ. מ י י ז ע ל
יודישער פערלאג פיר ליטעראטור און וויסענשאפט
424 גרענד סטריט, ניו־יארק.
1915

פרייז 10 סענט.

דר. חיים זשיטלאָווסקי:

די מאַכט פון דעם אמת

א פאָרטראג געהאלטען אויף דער צווייטער יעהרליכער גענעראל פערזאמלונג פון דער „קראפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט.“
דעם 28טען פעברואר, 1915.

ארויסגעגעבען פון דער
קראפּאָטקין ליטעראטור געזעלשאפט.

הויפּט אגענטור: מייזעל'ס פערלאג,
424 GRAND ST., NEW YORK

פרייז 20 סענט.

די קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט

האָט ביז איצט אַרויסגעגעבען די פאָלגענדע ווערק פון פּעטער קראָפּאָטקין:

מעמואַרען פון אַ רעוואָלוציאָנער

איבערגעזעצט פון ג. דייוויד, אונטער דער רעדאַקציאָן פון דר. י. א. מעריסאָן.

יובילעאום אויסגאַבע

מיט אַ פאָררעדע פון געאָרג בראַנדעס.

דאָס בוך איז אַן אויטאָביאָגראַפיע פון פּעטער קראָפּאָטקין און ענטהאַלט געטרייע און העכסט אינטערעסאַנטע בילדער פון דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג אין רוסלאַנד, דער שווייץ, פראַנקרייך און ענגלאַנד, פון די 70יגער יאָהרען פון פאָריגען י. ה. ביז דער לעצטער צייט.

526 זייטען פון גרויסען פאָרמאַט, דע לוקס אויסגאַבע, האַלב לעדער און סילק, עקסטרא פּאַפּיער, פּרייז $1.50 נעט. פּאָרטאָ פריי.

געגענזייטיגע הילף
ביי חיות און מענשען

מיט אַ ספּעציעלער פאָררעדע פון פּערפאַסער צו דער אידישער אויסגאַבע.

איבערזעצט פון דר. י. א. מעריסאָן.

448 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.00, פּאָרטאָ פריי.

פעלדער, פאַבריקען און ווערקשעפּער

איבערזעצט פון דער לעצטער פערגרעסערטער ענגלישער אויסגאַבע פון דר. י. א. מעריסאָן.

410 זייטען, שעהן געבונדען אין עקסטרא קלאָטה, פּרייז $1.00, פּאָרטאָ פריי.

בוכהענדלער קענען בעקומען אַלע אונזערע אויסגאַבען דורך אונזער איינציגען הויפּט־אַגענט:

מייזעל'ס פערלאַג

424 Grand Street, New York.

ד. רויזענבלאַט.

א באַנד פּ אָ ע ז י ע א ו ן ל י ע ד ע ר פון איבער 300 זייטען, פּראַכטפאָל געדרוקט און געבונדען, אונטער דעם נאָמען

„זון און רעגען“

ווערט פערפערטיגט צום דרוקען און וועט קירצליך ערשיינען אין אונזער פערלאַג.

איינ׳יגע אויסציגע פון קריטישע אַרטיקלען איבער דעם פּאָעט׳ס א קליינע זאַמלונג ליעדער, ערשיענען צוריק מיט זעקס יאָהר:

ש. ניגער. אין פּעטערבורגער „פ ר י י נ ד.“

***** „נאָר פאַרהאַן דאַ נאָך אַנדערע, שוין ג ע ו ו י ס פּאָלקס־טימליכע, ליעדער; אין זיי איז אויך פאַרהאַן אומעט, אָבער דאָס איז דער אומעט, וואָס איז בכלל פאַרהאַן דאָרט, וואו עס איז פאַרהאַן לעבען; פריהער פון אַלץ אָבער איז פאַרהאַן דאַ ל ע ב ע ן. לעבען און ליעבע. כמעט אַלע ליעדער אין דער דאָזיגער אַבטהיילונג זענען ליעבעס־ליעדער.“

***** „א בעזונדער קרעפטיגקייט האָט ער אין די לענגערע ליעדער — — אין איינעם פון די שטאַרקסטע ליעדער — „רויטע פּערל“ — איז געוויד־מעט „די בלייכע קינדער פון דער ווייסער פלאָג“. דאָס דאָזיגע ביטער־סאַטירישע ליעד איז ניט גאָר האַרמאָניש, דאָס מאַכט אָבער נאָך קרעפטיגער דעם בייזען און קראַנקען אומעט וואָס וועהט פון די שאַרפע, אַזוי ווי אָבגעהאַקטע שורות. א מין בר־מינן געלעכטער, די ציין אויסגעשצירעט, בלאַסע ליפּען.“

בן־יקיר אין „א י ד י ש ע ן ק ע מ פ פ ע ר“ (1910).

„איך ווייס ניט פון קיין אידישען פּאָעט וועלכער האָט אַזוי וואונדערבאַר אויסגענוצט די נאַטור, דעם וואַלד און דאָס פעלד אום אויסצודריקען זיינע געדאַנקען. נעהמט, צום ביישפּיעל, די טראַגעדיע פון דעם מענשען׳ס לעבען ווי זי איז אויסגעדריקט אין דעם דריי־פערזעדיגען ליעד „דער בוים“, אָדער אין דעם שיר „בעוויליגט“.

„דער בוים“ איז נאָך מיין מיינונג איינע פון די ליעדער וועלכע וואָלט ביי די אומות העולם געמאַכט דעם פערפאַסער בעריהמט“.

ם. ק. שנעעפּאַל אין „ד י צ ו ק ו נ פ ט“ (1910).

„א שטילע און א צנועה׳דיגע, ניט קיין שרייענדע, אָן איינפאַכע, אָבער א האַרציגע און א אויפריכטיגע איז רויזענבלאַט׳ס ליעד. ער זינגט זיין א י י־ג ע ן ליעד אַזוי ו ו י ע ר ק ע ן. קיינע פּרעטענזיעס, קיין פּערזוה, קיין אָנשטרענגונג צו וועלען פּוצען זיין ליעד אין געפאַרבטע מאָדנע פעדערען, און דערפאַר טאַקע מאַכט זיין ליעד תמיד אַן איינדרוק“.

פּרייז פון באַנד $1.00.

מ א ק ס נ. מ י י ז ע ל

אידישער פערלאַג פיר ליטעראַטור און וויסענשאַפט.

424 גרענד סטריט, ניו־יאָרק, נ. י.